NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04234

IN A GUTER SHO

Chane Levin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04234-X

9780657042349T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

כאַנע לעווין

אין א גוטער שאָ

אוקרמעלוכעפֿאַרלאַג

שול־ביבליאָטעק

כאנע לעווינ

אינ א גוטער שאָ

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1940 — לוואָוו

Редактор: Р. Балясна
Літредактор: М. Дубінский
Техредактор: Я. Майзельс
Коректор: Ш. Мейдман

«Укрдержнацменвидав». Рукопис № 247. БФ. 1110. № Зам. № 463/2 Друк. арк. 6¼. Папер арк. 3¹/₈. Обл. авт. арк. 3.75. Формат паперу 70×92. Здано на виробництво 16/X 1940. Підписано до друку 15/X 1940.

3-тя Друкарня У. П. Т., Львів, Ліндого 4
Тираж: 3000.

Якщо в цій книжці будуть дефекти, просимо повернути її для заміни на адрес: Державне В-во Нац. Менш. УРСР — Львів, вул. Радянська 12.

מײַנ סאָד

אפּ א שנירל בא מײַנ בּעט
הענגענ אויער־רערנ,
דריק איך זײ צום אויער צו,
קאָנ איך אַלצ דערהערנ.
הער איך לאַנג, בּיז סאַמע שפּעט,
כ׳הער זיך אײַנ, צי מאָסקווע רעדט,

עפשער... פלוצלינג... מיטאמאָל
ווער איך הערן סטאלינס קאָל.

הער איך, הער איך און דערהער,
סאָנים ווילן גיין אהער.
זאָלן סאָנים זיך ניט קליגן,
סטאלין וועט זיי גלייך באזיגן!
איבער טייך און בארג און טאָל
טראָגט צו אונדז זיך סטאלינס קאָל.
אז כ'וועל ריידן דורך די רערן,
וועט מיך מאָסקווע אויך דערהערן?
איך וואָלט דעמלט רופן נעמען,
הילכיק רופן: קרעמל! קרעמל!
בארקאָוו רעדט עס, אזא שטאָט!
כ'האָב פאר סטאלינען א סאָד,
און דעם סאָד דארף וויסן איינער,
כאָטש סטאלין און מער קיינער.
וועט דאן סטאלין צוגיין שטיל
און וועט פרעגן, וואָס איך וויל.
וועל איך זאָגן: כ'וויל איין זאך —
איך וויל דינען אין דיין וואך!
איך בין שוין א גרויסער היינט,
און מיך שרעקן ניט קיין פיינט, –
פרעג מיין מאמען, וועסטו זען,
נעכטן איז מיר זעקס געווען.
היינט בין איך שוין גרויס געוואָרן,
און איך האָב א זילבער־האָרן,
און א ביקס, אין ביקס א פייל,
נאָך א גומענע דעלווייל,
נאָר זי פליט אפ הונדערט מייל.
וווהין איך ציל, אהין דערפליט,
און פאר קיינעם כ'שרעק זיך ניט!
ווען כ'זאָל אָפהיטן דיין טויער,

וואָלט איך צוליִיגנ מײַנ אויער
יעדער רעגע צו דער ערד
אונ וואָלט טייקעפּ אַלץ דערהערט,
אונ דערוווּסט זיך אפנ אָרט,
ווער עס גייט אונ ווער עס פאָרט.
טאָמער קומענ וועט א פרײַנט,
וועט ער שפּאַנענ הילכיק, פֿײַנ.
וועל איך שפּילנ אינ מײַנ האָרנ:
— קום צו גיינ אונ קום צו פאָרנ,
ווי מע דאַרפ אונ ווי עס פּאַסט,
וועג עס קומט א ליבער גאַסט.
טאָמער וועט עס זײַנ א פֿײַנט,
וועט ער שטיל, געבויגנ זײַנ,
וועט ער גאַנוועגנ די טריט,
מיינענ, אַז איך זע אים ניט.
אונ איך מײַנ האָרנ וואָלט גענומענ
אונ וואָלט אָנגעהויבנ ברומענ:
— היטער, וועכטער, איינס אונ צוויי,
כאַפּט דעם סוינע, אָט אזוי,
ווי מע דאַרפ אונ ווי עס פּאַסט,
וועג עס קומט א בייזער גאַסט.
עפּשער מיינסטו, כ'בינ א קליינער,
קאָנ איך קומענ דאָך ניט איינער.
זיאַמע, דזשעק, פּעטראָ אונ סטאַך —
כ'האָב כאַווײרימ גאָר אסאַך.
אונ נאָך וויטיע, קים אונ מאַרק —
אַלע האָבנ ליב דיך שטאַרק!
עפּשער מיינסטו, אַז מײַנ מאַמע
וועט זיך בייזערנ, מיסטאָמע?
איז מײַנ מאַמע ניט אזאַמינ,
גאָר אנ אַנדערע מײַנ מאַמע.
זי ט'אַליינ מיט מיר אוועק,
ווײַזנ וועט זי מיר דעם וועג:

— אָט איז קאַרעמל ! —
אפּ דער וואַך וועל איך שטיין
א גאַנצע נאַכט !

אין ראַדיאָ הער איך :
טו־טו־טו —
עפּשער הערט זיך סטאַלין צו,
צו מײַן סאָד ער הערט זיך צו ?
אוי !

יאָנטעוו

...ליג איכ אזוי אינ מײַנ בעטל אונ טראכט:
„ס'איז דאָכ שוינ אָוונט, ס'איז דאָכ שוינ נאכט,
נאָר ליכטיק אונ זוניק, נו, פונקט ווי באטאָג,
עס שײַנענ די גאסנ פונ ראָג אונ ביז ראָג.
אָט זע איכ א פענצטער, דער טיש איז געדעקט,
מיט קוויטנ באפוצט אינ דער מיט אונ באם ברעג,
שײַנענ דאָרט בעכערס, אונ ווײַנ דאָרטנ גלאנצט,
אונ פריילעכ מע זינגט דאָרט, אונ פריילעכ מע טאנצט.
מײַנ טײַערע מאמע דאָרט טאנצט אונ דאָרט זינגט,

דערװעט מיך אין פענצטער און שמייכלט און װינקט:
— ס'איז טאקע אָקטיאָבער, נאָר ס'איז דאָך שױן נאכט,
דו, קלײנינקער שנעקל, די אײגלעך פארמאך! —
נאָר װי קאָן מען שלאָפן? ס'איז גוט, װי באטאָג:
עס שײַנען די גאסן פון ראָג שױן ביז ראָג,
עס פליִען ראקעטעס ארױף און אראָפ,
מיט טױזנטער פײַערן שלאָגן זײ אָפ,
װי גאָלדענע פיש און װי פּאװעס פון גאָלד.
און סטאָלין קוקט צו, װי ס'איז שײן אַלץ באַמאָלט.
און ס'דוכט מיר, ער קוקט אין מײַן צימער אהער,
און זעט מײַנע שפּילכלעך, מײַן פױגל, דעם בער.
נײַן יאָר איז מיר איצטער, נײַן יאָר מיט א האַלב.
װען איך בין א פליִער און פלי װי א שװאַלב,
װאָלט איך צום ערשטן קײן מאָסקװע געפלױגן,
סטאָלינען זען מיט די אײגענע אױגן.
כ'װאָלט קודיטן געגומען אסאך און אסאך,
און סאמע די שענסטע פאר אים כ'װאָלט געבראכט...
נאָר פּלוצלינג, איך קוק — אפן שװעל פון מײַן טיר
א בושעל א פױגל באַגריסט זיך מיט מיר.
— דו װילסט ערגעץ פליִען, — דער בושעל מיר זאָגט, —
אפ מיר קאָנסטו פליִען באַנאכט און באַטאָג.
און איך האָב דעם בושעל דעם פױגל פארשפּאַנט,
װי לײצעס די פליגלען איך האַלט מיט דער האַנט.
כ'בין העכער פון דאך און פון קױמען, פון רױך,
מיר פליִען, מיר זײַנען שױן הױך.
אָט קוקט די לעװאַנע, זי שײַנט פון דער װײַט,
און שטערן זיך מערן פון יעטװידער זײַט.
מיר פליִען, מיר פליִען דורך דערפער און שטעט,
און אומעטום הער איך — מע זינגט און מע רעדט.
און ס'טראָגט זיך, און ס'יאָגט זיך דורך שטעט און דורך סטעפּ:
— געזונט זײַ אונדז, פירער, אפ אײביק דו לעב! —
נאָר אָט טוט מײַן בושעל א לאָז זיך אראָפ,
איך קוליע זיך איבער אריבער זײַן קאָפ,

און איינער אליינ לעבנ קרעמל איכ שטיי,
און כ'האָב ניט קיינ מוירע, און ס'טוט מיר ניט וויי.
נאָר פלוצלינג איכ פיל, איכ דערפיל און איכ הער:
— סטאלינ גייט, סטאלינ, אָט גייט ער־אהער.
איכ הער, ווי ער גייט, טרעט איבער די שוועל,
עס קלאפנ די פּאָלעס פונ לאנגנ שינעל.
און איכ האָב דערמאנט זיכ און האָב זיכ פארשעמט —
איכ בינ דאָכ געפאלנ, פארשמירט זיכ די הענט,
און גלייכ פונעמ בושעל געקומענ כ'בינ גאָר,
דער ווינט האָט אווארע צעשויבערט די האָר.
און וווּ זיינענ בלומענ אסאכ און אסאכ?
איכ האָב דאָכ קיינ בלומענ אימ אויכ ניט געבראכט!
נאָר סטאלינ — ער שמייכלט, די האָר מיר פארגלעט:
— ניט קאלט איז דיר גאָר אָט אזוי פונעמ בעט?
אנו, אָט אזוי, לעבנ מיר זיכ נאָר שטעל! —
און ער דעקט מיכ איינ מיט זיינ לאנגנ שינעל.
כאפּ איכ זיינ האנט און איכ קוק זיכ ארומ:
מיינ פּליושענעמ בושעל איכ נעמ גאָר ארומ!
ס'איז הויכ שוינ די זונ, ס'איז שוינ טאָג, ס'איז שוינ שפּעט,
ס'קוקט סטאלינ און שמייכלט פונ וואנט צו מיינ בעט.
ווידער און שטארק מאכ איכ צו מיינע אויגנ,
נאָר ס'איז שוינ מיינ כאָלעמ אינ ערגעצ פארפלויגנ.

נאָר זיינ וועל איכ גרויס, און דענסטמאָל כ'וועל קומענ,
און דענסטמאָל כ'וועל סטאלינענ צוטראָגנ בלומענ,
כ'וועל דערמאָנט ניט אלט זיינ ניינ יאָר מיט א האלב,
בעעמעס כ'וועל פליִענ, אזויווי א שוואלב.
קיינ מאָסקווע כ'וועל דערמאָנט זיכ געבנ א טראָג
און סטאלינענ זענ!
אז איכ זאָג, איז געזאָגט!



קיראָוו

אוי, איר יאָנטעוו־פאָנענ,
נאָר מיט שוואַרצע ברעגנ,
ווער האָט אײַך צעהאנגענ
הײַנט אפ אלע וועגנ ?
אונ פארוואָס אינ שווארצנ
זײַט איר אײַנגעשלאָסנ ?
ענטפערנ די פאָנענ :
— מ'האָט קיראָוונ געשאָסנ !

אוי, איר יאָנטעװ־פאָנענ,
װיל איכ בא אײַכ פרעגנ:
פארװאָס־זשע זײַט איר שװארצע
נאָר בא סאמע ברעגנ,
אונ אינגאנצנ בלײַבט איר
יאָנטעװדיק אונ רויט?
ענטפערנ די פאָנענ:
— קיראָװ איז ניט טויט.

עס טראָגנ שטעט זײַנ נאָמענ,
עס קעמפט זײַנ לאנד אונ בויט.
אָט דערפאר די פאָנענ
בלײַבנ שטענדיק רויט.
אונ אינ גרעסטע שלאכטנ,
אינעמ גרעסטנ זיג,
לעבט אינ יעדנס הארצנ
קיראָװ — באָלשעװיק.

האַנט צו האַנט

ווײַס איז, ווי צוקער, און סקריפּעט דער שניי,
מיר ווילן זײַן דרייסט, ווי די רויטע אַרמיי!
אין פראָסטיקן דרויסן איז קיינעם ניט קאַלט,
מיר שפּאַנען, מיר לערנען, מיר קאָנען שוין באַלד
די ביקסעלעך האַלטן, ווי גרויסע דורכויס,
די שטאַמען צום זײַט, מיט די רערן פאָרויס.
די ערשטע שערענגע די צווייטע פאַרשטעלט,
ווי ס'פּאַסט — מיט דער ברוסט, און מע גייט און מע קוועלט.

די צווייטע — די ערשטע היט אָפּ, ווי מיט שטאָל,
דער פּײַנט וועט ניט טרעפֿן אין פּלייצע קיינמאָל!
מײַן טאַטע ט׳געווען, ווי מיר שפּילן און גייען,
געוועזן אין אַרמיי איז מײַן טאַטע אַליין.
ער האָט מיך געטאָן אויף זײַן אַקסל אַ הייב,
און ער האָט אונדז זייער און זייער געליבט.
— גייט שטענדיק צוזאַמען, — האָט ער אונדז געזאָגט, —
צוזאַמען די ביקסן די זיכערע טראָגט,
און אַקסל צו אַקסל, אַ האַנט צו אַ האַנט,
היט איינער דעם צווייטן — און אַלע דאָס לאַנד!

אלע זײַנען מיר מעקאנע

אלע זײַנען מיר מעקאנע,
דער גאנצער הויף, די גאנצע גאס —
פרומע, מײַק, טאראס דער גרויסער
און דער קלײנינקער טאראס.

ווײַל מײַן טאטן, ווײַל מײַן טאטן
אפ א כוידעש — ניין, אפ צוויי —

פון זאוואָד האָט מען גערופן
אין דער רויטער אין אַרמיי.

און זייער טאַטן — מײַקס און פרומעס
האָט מען דאָפקע ניט גענומען.

א ראַכמאָנעס און א שאָד!
ס'איז, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיק
זײַן דער בעסטער אין זאוואָד.
נאָר פאַבריקן און זאוואָדן,
וועלדער, פעלדער ווער פאַרהיט?

רויטאַרמייער — זיי פאַרהיטן,
און מײַן טאַטע אין דער מיט!

אָט פאַרוואָס ס'איז מיר מעקאַנע
דער גאַנצער הויף, די גאַנצע גאַס,
פרומע, מײַק, טאַראַס דער גרויסער
און דער קלייניקער טאַראַס.

זשואַנטע

ווי רופט מען דיך — זשואַנטע ?
און מיך רופט מען ווילי־ע.
ווילסט מיט מיר באַקענען זיך ?
ווילסט מיט מיר זיך שפּילן ?
איז קום צו אונדז אין שטוב אַרײַן.

שעם זיך ניט, זשואַנטע,
קום צו אונדז אין שטוב אַרײַן,
ביסט שוין מײַן באַקאַנטע !

דײַן מאמע אין מאדריד איז, יאָ ?
דערהארגעט ? האָסט ניט קיינעם ?
נו, איז בלײַב מיט אונדז אַט דאָ,
וווינ מיט אונדז אינײינעם !

דיר וועט זײַנ דאָ זייער גוט,
דו זאָלסט נאָר ניט בענקען.
כ'האָב געמאכט א פאראשוט.
ווילסט, כ'וועל דיר אים שענקען.

כ'וועל דיר שענקען נאָך א זאך, —
מײַנ קעצל, זי ט'ניט דראפּען.
אונ כ'האָב א העמערל געמאכט,
כ'וועל דיך לאָזנ קלאפּנ !

נא, מײַנ שטיבעלע מײַנ פײַנס
מיט רויטע טרעפּ אונ קאנטנ,
ווילסטו איצט מײַנ שוועסטער זײַנ ?
ווילסט אזוי, זשואנטע ?

אונ טאַמער פּלוצלינג רייצט זיך אופ
א שטיפער א ניט גוטער,
זאָלסט מיך באלד טונ א רופ,
זאָג : „איך האָב א ברודער".

אונ מײַנ ברודער — ברודער רופ,
ער איז אזא מינ גוטער.
צו דער זונ ער פליט ארופ —
א פּילאָט איז ער, מײַנ ברודער.

כ'האָב אים זייער־זייער ליב,
ער איז דער סאמע בעסטער.
מעגסט אים אויכעט האָבנ ליב,
ועסט דאָך זײַנ מײַנ שוועסטער !

2. אין א גוטער שאָ.

און מײַן מאַמען — מאַמע רופֿ
אינ שטוב און בא באַקאַנטע,
כ'װעל ניט ברױגעז זײַן דערופֿ,
קײנמאָל ניט, זשװאַנטע!

איך האָב מײַן מאַמען זײער ליב,
זי איז די סאַמע בעסטע,
זי ט'דיך אױכעט האָבן ליב,
ביסט דאָך שױן מײַן שװעסטער.

אָנאָ אונדזער מאַמע זיצט,
זאָג „מאַמע", זאָג, זשװאַנטע,
ביסט דאָך שױן מײַן שװעסטער איצט,
ניט פּאַשעט א באַקאַנטע!

שטערנ

קוקט זיכ אײַנ מאַרינע,
ווי שײנ דער הימל שײַנט,
דוכט זיכ איר, די שטערנ
שעפּטשענ צו איר הײַנט:

— פֿינקלענ מיר אונ שײַנענ מיר
נאָר צו דיר אינ-הויז,

און מיר בעטן, רופן דיך:
קום אין גאס ארויס.

זע, צו אונדז דער פלי־ער
פירט אעראפלאן.
נאר בא אונדז, די שטערן,
א מילכ־וועג איז פאראן.

פון דער הייך באלויכטן מיר
און זעען יעדער זאך,
דארט אין פעלד א זיסעלע
האט זאנגען זיך געבראכט.

אין די באקן־קעשענעס
האט ער ווי פארוקט,
און איצטער, ווי א גוטינקער,
אינעם פעלד ער קוקט.

שטייט אפ לאפקעס הינטערשטע
און צופרידן פייפט,
ווייל די זאנגען ווייצענע
זיינען באלד שוין רייף.

דארט, אין וואלד, אין טיפעניש,
צווישן בלעטער־גאלד,
נים א קליינע וועווערקע
באהאלטן האט געוואלט.

האט דערשמעקט א מייזל עס,
די ניסלעך האט געפאקט,
מיט די ציינדלעך שפיציקע
די ניסלעך באלד צעקנאקט.
וויינט איצטער די וועווערקע:
— מער ניטא קיין נים!

מיטן עק און לאפּקעלעכ
די אײגעלעכ זיכ ווישט.
האָט אָבער דאָס שטעכערל
דאָס מײַזל באַלד דערזען,
האָט ער באַלד דעמ אײַנגעטײלט,
ווי א שטעכערל קען!
צעשטאָכנ מיט די נאָרלענ עס,
צעביסנ זײַנע פיס
און האָט דער קלײנער וועווערקע
אומגעקערט די ניס!

שרײַט מארינע־שטיפערקע:
— כ'וויל ניט גײנ אינ בעט!
פאַרוואָס די שטערנ שלאָפנ ניט,
פאַרוואָס איז זײ ניט שפּעט?

קומט מארינעס באָביצע,
דאָס פענצטער שטיל פאַרמאכט,
לאָזט אראָפּ דאָס פאָרהאנגל,
פונ ווײַסנ לײַנ געמאכט:
— שטערנדלעכ, זײ רעדנ ניט,
עס דוכט דיר אויס, מײַנ שײַנ,
דאָס האָב איכ די מײַסעלעכ
אלײנ געלײענט הײַנט.
מיט מײַסעס, ווי מיט שטערנדלעכ,
די ביכער זײַנענ פול,
זײ וועלנ אלע שײַנענ דיר,
ווענ דו וועסט זײַנ אינ שול.

די זון פאַרגייט

אָט איז שוין די זון פאַרגאַנגען,
שטאַרקער שמעקט דער רויטער מאָן.
אויפֿן אָפּלאַנגען אַף די פֿליגל
צינדן שוין לאַמטערנס אָן.
אַלע פענצטער זײַנען בלויע,
אַלע קווייטן פײַכט פון טויען,
לאַנגע שאָטנס בײַ די ווענט.

און אָנגעשפּילט זיך, אָנגעלאָפן,
ווערן קינדערלעך אנשלאָפן
בא די מאמעס אף די הענט.
אינעם סאָד, אין בלומען־קוסטעס,
איַינגענורעט פּיסק אין ברוסטל,
זיצט א פייגעלע און שוויַיגט,
אזא שטילינקס, ווי דער צוויַיג,
און די אייגעלעך פארמאכט,
וויגט זיך שטיל א גאנצע נאכט.

ערעוו א רעגן

ווער וועט זאָגן מיר אצינד,
וואָס וועט זײַן דאָ שפּעטער ?
צי א רעגן מיט א ווינט,
צי א גוטער וועטער ?
קיינער ווייסט ניט ? אײַ־אײַ־אײַ !
הייבט נאָר אוף די אויגן !

הערט זיך אײַן אין צוויטשערײַ
און קוקט, ווי ס'פֿליִען פֿייגל.
פֿליִען פֿייגל הויך און ווײַט,
אין סאָד מיר קאָנען זיצן —
די פֿייגל פֿילן צו דער צײַט
דעם דונער און די בליצן.
און אויב זיי פֿליִען נידעריק
נאָענט בײַ די וועגן,
גייען מיר צוריק אהיים —
עס קלײַבט זיך אױף א רעגן.

א פרילינג־רעגן

ס'האָט דער ערשטער פרילינג־רעגן
מיט די סעדער זיך באַגעגנט,
יעדער צווייַגעלע ער זעט,
יעדער צווייַגעלע ער גלעט:
— מאָרגן, מאָרגן און ניט שפּעטער
וועט איר אָנטון זיך אין בלעטער,

אלע צארטע, פריש אונ גרינ,
אלע דורכזיכטיק אונ דינ.
בלעטעלעכ איר האָט אסאכ,
נאָר אינ קנאָספעלעכ פארמאכט.
גיב איכ קנאָספעלעכ א שטויס —
קוקנ בלעטעלעכ ארויס!

א רעגנ

1

— א רעגנ, א רעגנ!
גייט אינ שטוב אריַינ!
— ניינ, ניינ, ניינ,
אינ הויז מיר וועלנ זיַינ!
— מאמינקע, טיַיערע,
זיַי־זשע ניט אינ קאס,
מאמינקע ליבע,
מיר גייענ ניט אינ גאס.
איצט איז דאָך א רעגנ,
מיר וועלנ ווערנ נאס,
מיר וויסנ דאָך, מיר וויסנ דאָך,
מיר גייענ ניט אינ גאס.

2

— לאָמיר, קינדער, שטעלן זיך
אָט דאָ־אָט אָפּ די טרעפּ,
מירן צו דעם רעגן
אַרויסשטעקן די קעפּ.
דאָס הייסט דאָך ניט אין גאַס אַרויס,
אַז מע שטעקט דעם קאָפּ נאָר אויס!
— אוי, ווי ס'רינט פון דעכער,
אוי, ווי ס'רינט פון ווענט!
מירן צו דעם רעגן,
נאָר אויסציִען די הענט.
זאָל דער רעגן לויפן
גלײַך צו אונדז אין הויפן.
דאָס הייסט דאָך ניט אין גאַס אַרויס,
אַז מע ציט די הענט נאָר אויס!
— איך וואָלט געוואָלט אין קאַליוזשקע
א ביסל, ווי ניט איז...
איך וואָלט געוואָלט אין קאַליוזשקע
א שווענק טון נאָר די פיס.
— איז שטעק איין פיסעלע אַרויס,
פונעם טרעפּל, פונעם הויז,
און דאָס צווייטע שטעק אַרויס
פונעם טרעפּעלע, פון הויז.
דאָס הייסט דאָך ניט אין גאַס אַרויס,
אַז איין פיסל שטעקט מען אויס!

3

— זע, דו ביסט דאָך פּיטש־נאַס!
— דו ביסט אויכעט פּיטש־נאַס!
— ווען ביסטו געווען אין גאַס?
— און ווען ביסטו געווען אין גאַס?
— איך ווייס ניט.
— איך אויך ניט.

———

אפּן טײַך

שטופּ איך אָפּ מײַן שיפעלע
פֿונעם גרינעם ברעג,
כ'שפּרינג אַרײַן אין שיפעלע,
און אָט בין איך אין וועג.
ביידע וועסלעס הייבן זיך,
ביידע מיט איין מאָל,
זינג איך, טראָגט אַ ווינטל
אין דער ווײַט מײַן קאָל.

ביידע וועסלעס הייבנ זיכ,
ביידע גלײַכ אראָפּ,
אונ דעמ טײַכ דעמ גלאנציקנ
יעדער וועסלע גראָבט.
ווערט דער טײַכ צעשפּאלטנ,
נאָר ער שײַנט אונ גלאנצט!
פּאָרט נאָר דורכ מײַנ שיפעלע,
ווערט ער ווידער גאנצ!
פּלוצלינג לעבנ שיפעלע
גיט עפּעס א בליצ,
טראָפּנס ווארעמ־ליכטיקע
אינ פּאָנעמ מיר א שפּריצ.
בייג איכ זיכ צומ טײַכל־צו
זע איכ גלײַכ דעמ דנאָ,
געלע זאמד אונ שטיינדעלעכ
ליגנ דאָרט אונ דאָ.
נאָכדעמ זע איכ פישעלעכ,
פישעלעכ אָנ א שיר.
מיט אויגנ גרוי אונ קײַלעכדיק
זיי קוקנ גלײַכ צו מיר.
כ'שטעק אינ טײַכ ארײַנ די האנט,
ווערט די האנט מיר גרויס,
דוכט זיכ, אלע פישעלעכ
כאפּ איכ באלד ארויס.
פּלוצלינג אלע פישעלעכ
גיבנ זיכ א גליטש,
מיט די עקלעכ זילבערנע
גיבנ זיי א בליצ.
אונ ווידער זע איכ שטיינדעלעכ,
זע דעמ געלנ דנאָ,
נאָר פישעלעכ, ווי אינ כאָלעמ!
געוועזנ — אונ ניטאָ.

א שטילע שפּיל

— זײַ א גוטער, ווילינקע,
זײַ א זון א שטילינקער,
זעסט, די מאמע לערנט,
טאָר מען איר ניט שטערן!
טראכט זיך צו א שטילע שפּיל,
שפּיל אין צימער דײַנעם שטיל!
גוט?

כ'בין אזא מין,
אז איך וויל,
פינף שאָ אליין איך שפּיל!
איך זע: די מאמע לערנט,
וועל איך איר ניט שטערן!
איך וועל שפּילן זייער קלוג,
איך וועל בויען זיך א צוג!
גוט?

אפּ די דיבקעלעך אפּגיך
טראָגט זיך ווילינקע צו זיך,
ווײַל די מאמע לערנט,
טאָר מען איר ניט שטערן!

פּלוצלינג שרײַט די מאמע:
— אך!
ס'דוכט זיך מיר — סע פאלט דער דאך.
און די מאמע לויפט ארויס,
פונעם צימער גלײַך אין הויז.
זעט זי דאָרטן ווילינקען,
א רויקן, א שטילינקן.
ווילִיק שלעפּט אן אײַזן־פּרעסל
און א שפּילכעלע א קעסל,
און א בענקל אָן א פיסל,
און א קײַלעכדיקע שיסל —
אלץ פארבונדן מיט איין שטריק,
שלעפּט אהינצו און צוריק,
און דאָס בענקל אָן א פיסל קלאפּט אין קעסל,
פויקט אין שיסל, און דאָס קעסל פויקט אין פּרעסל —
טראך־טאראך, טראך־טאראך, גלײַך עס פאלט אראָפּ דער דאך!
און ווילִיק הודעט שטיל פארטיפט:
— טו־טו־טו, לאָקאָמאָטיוו.

3. אין א גוטער שאָ.

און ער שמייכלט צו דער מאמען:
— עמעס, איך האָב ניט געשטיפּט?
אַז די מאמע לערנט,
טאָר מען איר ניט שטערן.
כ'בין אַזאַמין, אַז איך וויל,
הונדערט שאָ איך שפּיל זיך שטיל,
עמעס?

מאריאנע העלפט דער מאמענ

שטייט מאריאנישע פארנאכט
באַ דעמ טויער, שטייט אונ טראכט:
ס'דארפ די מאמע מיטנ בריק
קומענ באַלד פונ דער פאבריק.
זאָגט מאריאנע זיכ אליינ:

— אַט וועט באַלד די מאַמע גיין,
אַט וועט באַלד די מאַמע קומען,
וועל איך ברענגען שיינע בלומען.
כ'וועל אַרומנעמען מײַן מאַמען
שטאַרק מיט בײדע הענט צוזאַמען,
און דערנאָך וועל איך זי קושן
אין די הענט, אין באַק, אין ליפּ,
ווײַל מײַן מאַמען, ווײַל מײַן ליבע
האָב איך ליב און ליב און ליב.
אַז די מאַמע וועט זיך וואַשן,
וועל איך שטיל זײַן און ניט ראַשן,
און דעם האַנטעך פון דער וואַנט
כ'וועל דערלאַנגען איר צום האַנט,
און אַ קעמל וועל איך נעמען,
אירע צעפּ וועל איך צעקעמען.
נאָך דער אַרבעט איז זי מיד,
וועל איך זינגען איר אַ ליד.
ס'האָט די מאַמע מיך געבעטן,
אַז מײַן בעט זאָל איך פאַרבעטן,
און געבעטן האָט זי זייער,
כ'זאָל מײַן זעקעלע פאַרנייען.
כ'האָב געניית, געניית, געניית,
נאָר דאָס נאָדעלע פאַרזייט,
און דער פאָדעם אָן אַ קניפּ
האָט פון נאָט זיך אויסגעציפּט!
ווען מע קאָן אַזוי דערגיין,
אַ נאָדל נייען זאָל אַליין,
איך וואָלט דעמלט יעדע זאַך
גלײַך פאַריכט און גאַנץ געמאַכט!
ס'האָט די מאַמע נאָך געזאָגט,
איך זאָל צוראַמען באַטאָג,
כ'האָב געקלערט, געקלערט, געקלערט,
אַזש די שטוב כ'האָב ניט פאַרקערט.

ווענ אזוי ד׳ערפינדנ קאָנ מענ,
ס׳זאָל די שטוב אליינ זיכ ראמענ,
אונ דער בעזעמ זאָל אליינ
דורכנ צימער קאָנענ גיינ,
אלצ פארשארנ אונ פארקערנ
אונ דערנאָכ אליינ ניט ווערנ.
כ׳וואָלט גערא מט דאנ אָנ א שיר,
אוי, וואָלט ריינ געווענ בא מיר!

שטייט מאריאנע בא דעמ טויער,
בא דעמ טויער, בא דעמ מויער,
אונ זי זעט ניט, ווי פונ בריק
מיט א שמייכלענדיקנ בליק
שפאנט די מאמע פונ פאבריק.
קומט די מאמע ביז צומ הויפ,
זעט מאריאנקע זי אונ לויפט.
לויפט אונ שפרינגט מיט א געשריי:
— די מאמע גייט, די מאמע גייט!
אונ מיט בײדע הענט צוזאמענ
כאפט זי באלד ארומ איר מאמענ,
קושט די הענט איר, באק אונ ליפ:
— אוי, האָב איכ דיכ, מאמע, ליב!
כ׳האָב געוואָלט דיר ברענגענ בלומענ,
ביסטו פלוצלינג אָנגעקומענ.
כ׳האָב גענייט, גענייט, גענייט,
אויש דאָס נאָדעלע פארזייט.
כ׳האָב געקלערט, געקלערט, געקלערט,
אויש די שטוב כ׳האָב ניט פארקערט,
אויש דאָס פאָנעמ ניט געוואשנ.
האָסט געבראכט — מיר עפעס נאשנ?
לאכט די מאמע: — אוי, מאריאנע!
פירט די טאָכטער צו דער וואנע,
אונ א קעמעלע זי נעמט

און דער טאָכטערס צעפּ פאַרקעמט.
און דעם האַנטעך פון דער וואַנט
גיט מאַריאַנען צו דער האַנט,
טוט א קוש זי און א גלעט
און אַרײַנגעלייגט אין בעט.
ווער־זשע וועט איצט נייען, ראַמען?
נו, פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע!

די מאַמע

זיצט אַ מאַמע לעבן בעט
און צום ווינט אַזוי זי רעדט:
— האָדיע, האָדיע הודען, ווינט,
ס'ווײנט און רעדט פון היץ מײַן קינד!
ווער האָט מיר אַזוינס געטון?
ווער האָט קראַנק געמאַכט מײַן זון?
עפּשער האָב איך אים פאַרזען,

א שלעכטע מאמע אים געווען ?
שלאָפט שוין ניט די דריטע נאַכט,
האָב איך אויך קיין אויג פאַרמאַכט,
אויסגעזונגען ביז איין ליד,
וואָס־זשע שלאָפט מײַן קינד נאָך ניט ?
פליט דער ווינט געשווינד אוועק,
און ער ברומט דעם גאַנצן וועג,
און ער ברומט דעם גאַנצן וועג:
— כ׳וויל דאָך אײַנוויגן דעם שנעק!
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנק,
ס׳קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:
ניט זי שלאָפט און ניט זי רוט,
ווײַל דעם שטיפער איז ניט גוט...
און זי ווייסט ניט, אַז איר זון,
האָט עס אַלץ אַליין געטון:
זיך געוואַלגערט אינעם שניי,
אָט פאַרוואָס עס טוט אים וויי!..
אינדערהייך, ווער ווייסט פון וואַנ,
פליצלינג זשומט אַעראָפּלאַן.
און די מאַמע לעבן בעט
צום אַעראָפּלאַן שוין רעדט:
— זשום ניט, שטיל, אַעראָפּלאַן,
זע, בא מיר א זון פאַראַן,
איז ער זייער קראַנק, מײַן קינד,
איז ער זייער קראַנק אַצינד.
עפּשער האָב איך אים פאַרזען,
א שלעכטע מאַמע אים געווען?
פליט אַעראָפּלאַן אוועק,
נאָר ער זשומט דעם גאַנצן וועג,
נאָר ער זשומט דעם גאַנצן וועג:
— כ׳וויל דאָך אײַנוויגן דעם שנעק!
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנק,
עס קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:

ניט זי שלאָפט און ניט זי רוט,
ווײַל דעם שטיפער איז ניט גוט.
און זי ווייסט ניט, אז איר זון
האָט עס אלץ אליין געטון.
ווען אפ ארבעט פלעג זי גיין
און אים אָנטאָן גוט און שיין,
ארבעטן פאר אים געטרײַ, —
פלעג ער הענגען באם טראמווײַ
אפ איין טרעפל ביידע פים
און צעשלאָגן זיך, געווים...
און אין בלויער אָוונט־שײַן,
זשומט, ער וויגט די מאמע אײַן.
נאָר די מאמע ווערט ניט מיד,
פונדאָסנײַ הייבט אָן א ליד:
„שלאָפ, מײַן יינגעלע, שלאָפ אײַן,
מאָרגן וועט דיר גרינגער זײַן!
דו וועסט זײַן מיר גוט און מילד,
כ'וועל דיר ברענגען לענינס בילד,
נאָך א קלייניקן אוזאמין,
נאָר געראָטן אין זײַן מאמען,
מיט דעם טשוביק אפ דעם שטערן,
מיט צוויי אויגן, ווי די שטערן,
צוגעדריקט דאָס בעקעלע
צום אָפגעלייגטן קרעגעלע.
שלאָפ, מײַן יינגעלע, שלאָפ אײַן,
מאָרגן וועט דיר גרינגער זײַן".

און אָט די זון שוין כאפט זיך אוף,
שטראלן גיט נאָך זיך א רוף:
— שטראלן, שטראלן, לויפט געשווינד,
גיט א קוק, וואָס מאכט דאָס קינד.

קוקט א שטראל, דאָס יינגל רוט,
איז א סימען אים איז גוט,

אַז א סימען אים איז גוט,
אַז ער שמייכלט און ער רוט.

נאָר די מאמע שלאָפט נאָך ניט,
און דאָס בעטעלע זי היט:
— ברייט ניט, שטראַלן, שטילער, זון,
איינגעשלאָפן איז מיין זון!

דאָס ענטל

— אָט א קלוגינק הינדעלע,
קלוג אזוי און שיין!
ריכטיק, מאמע טײַערע,
דו זעסט, עס שווימט אליין.
שווימט אליין און שרעקט זיך ניט,

און שטעלט זיך גאָר ניט אָפּ.
אוי, וואָס טוט דאָס הינדעלע —
אין וואַסער שטופּט דעם קאָפּ,
דאָס קעפּל און דאָס העלדזועלע —
וואָס וועט איצטער זײַן?
מער ניטאָ קיין הינדעלע,
אין טײַך עס פאַלט אַרײַן!
לאַכט די מאַמע: — זונעלע,
אַך, דו קליינער זון,
אַ אינדיק צי אַ גענדזעלע —
אַלץ איז דיר אַ הון.
דאָס איז דען אַ הינדעלע?
אַן ענטל איז עס, קוק!
זעסט, אין דינע הײַטעלעך
די פינגערלעך פאַרוקט.
האָב פאַר דעם קיין מוירע ניט.
אַט שווימט עס שוין צום ברעג,
טרייסלט אָפּ די פליגעלעך
און גייט זיך מיט זײַן וועג.

———

דער בער

וויגט דער בער זיך הין און [illegible]
און פרעגט דעם וואלד [illegible]
— וואס־זשע האסט [illegible]
ס'איז נאך [illegible]
שלעפערס, [illegible]
אוש איך [illegible]

כ׳בין נאָך האָניק ווײַט פאַרפאָרן
און דעם וועג אהיים פאַרלאָרן.
איצט אויס האָניק און אויס בין,
און איך וויים ניט, וווּ איך בין!

פלוצלינג זעט ער — ס׳פאלן ניסלעך,
און דאָס עקעלע פאריסן
אינדערהייך, אזש ביז דעם קאָפּ,
קוקט א וועווערקע אראָפּ,
קנאקט זיך ניסעלעך און שפרינגט,
און צום בער אזוי זי זינגט:

— זעט נאָר, זעט א נאר א בער!
דרייט ארום זיך הין און הער,
בורטשעט עפּעס זיך אליין,
ווייסט ניט ווי אהיים צו גיין!
נאָר די בינען קאָנסטו שרעקן,
האָניק גאנווענען און לעקן!
גיי און גיי צו טאנענע גרינע,
דאָרט וועסטו א גרוב געפינען,
וועסטו דערזען א גריבעלע,
וויים — דאָס איז דײַן שטיבעלע.

טופּעט בער מיט הוילע לאפּעס,
מיט די נעגל ערד צעדראַפּעט,
און ער רעוועט אזש פאר קאַס,
און ער רעוועט מיט א באַס:
— ווער דערלויבט זיך דאָ מיר לײַגן?
ווער לאכט אויס מיך פון די צווײַגן?
אָט, איך גיב דעם בוים א קער,
פליט דײַן קאָפּ אראָפּ אהער!
אינעם גרוב, וווּ טאנענע גרינען,
קליינע העזלעך זיך געפינען.

און ער לויפט אוועק, דער בער,
און ער סאפּעט אזוי שווער:
— ווּ, ווּהין בין איך פארלאָפן?
ווּ, ווּהין זאָל איך גיין שלאָפן?
אפ די פיס איך קאָן ניט שטיין,
און איך וויים ניט ווּ צו גיין!

לויפט ארויס דער העזל גרויער,
קורצער עקל, לאנגער אויער,
מיט די קאָסע אייגלעך גלאנצט,
אפ די לאנגע לאפּקעס טאנצט,
ווײַט פון בער ער טוט א שפּרונג,
פונדערווײַט ער טוט א זונג:
— זעט נאַר, זעט, אזאמין בער,
דרייט ארום זיך הין און הער,
בורטשעט עפּעס זיך אליין,
ווייסט ניט, ווי אהיים צו גיין.
דו ביסט נאריש ווי... א קרויט,
נאָר איך העלף דיר אין דײַן נויט!
זעסטו יענעם בוים און הויל?
קריך ארופ, נאָר זײַ ניט פויל!
אָט דאָס הויל וועט זײַן דײַן גרוב.
ווי געפעלט דיר יענע שטוב?

ווערט דער בער נאָך מער אין קאם
און ער כריפּעט מיט א באַס:
— ווער־זשע רייצט מיך ווידער, ווער?
איר פארגעסט ניט — כ'בין א בער!
ווער עס העלפט מיר אין מײַן צאָרע
און ער ווײַזט מיר אָן מײַן נאָרע,
וועט מיר זײַן א פרײַנט א גוטער,
איך וועל שענקען אים מײַן פוטער,
אין די גרעסטע־גרעסטע פרעסט
וועט ער זײַן בא מיר אפ קעסט!

אונ אינ וואלד א פיקסל זיצט,
אונ די אויערלעכ פארשפיצט,
מיט די ווײַסע צײנדלעכ קריצט,
מיט די שווארצע אײגלעכ בליצט,
הערט דאָס פיקסל אלע רײד,
זאָגט דאָס פיקסל שטילערהײט:
— אכ, דו בער, אזא געזונטער,
זעסט דענ ניט? עס גײט דער ווינטער!
זומער איז שוינ לאנג אנטלאָפנ.
וואָס־זשע לײגסטו זיכ ניט שלאָפנ?
הײב נאָר אופ די שײנע אויגנ,
אַנאָ שטײט א בוימ געבויגנ,
אלטער בוימ מיט גרויער קאָרע,
זײַנע וואָרצלענ איז דײַנ נאָרע,
ס'וועט דער ווינט דיכ דאָ ניט קריגנ,
לאָז מיכ אויכ א ביסל ליגנ!

נאָר דער בער, אזאמינ בער,
ניט ער קוקט אונ ניט ער הערט,
לײגט די נאָרע אויס מיט ריטער
אונ מיט צווײַגלעכ אלצ באשיט ער,
נאָכדעמ רעוועט מיט זײַנ קאָל:
— כ'ווע[illegible]יר אָפּדאנקענ אמאָל,
איצטער האָב ניט קײנ פאריבל.
זוכ זיכ אויס אנ אנדער שטיבל!
אונ טאקע באלד זיכ אויסגעצויגנ
אונ פארמאכט די קלײנע אויגנ,
מיט א לאפע זיי פארדעקט,
אונ ער שלאָפט שוינ, אונ אנ עק!!!

די קאַץ האָט מוירע פאַר אַ פראָסט

די קאַץ האָט מוירע פאַר אַ פראָסט,
וואַרעמט זיך די קאַץ אין ווינקל,
נאָר וויליע איז אַ קאַץ, צי וואָס?
וויליע איז דאָך גאָר אַ יינגל!

וויליען שרעקט ניט אָפּ די קעלט.
וויליע זעט דעם שניי און קוועלט,

און ער גיט די טיר א שטופּ,
בלײַבט די קאַץ אַליין אין שטוב.

ווילי גייט אין גאַס אַרויס,
און ער מאַכט פון שניי א הויז.
און ער גיט דעם שניי א קער,
ווערט פון שניי א ווײַסער בער:
אָט אַזוי די גרייס און הייך,
מיט א קאָפּ און מיט א בויך,
אָבער וויפל דאַרף מען פיס,
ווייסט ניט ווילי אָפּגעוויס:
עפּשער צוויי, און עפּשער פיר,
און טאָמער דאַרף מען אָן א שיר?
ס'איז דאָך ניט קיין פּראָסטער-בער,
ס'איז א ווײַסער, דאַרף מען מער!

שאַרט ער שניי, און שאַרט און שאַרט,
ווערן אים די הענטלעך האַרט,
און יעדער פינגערל איז שווער,
שטײַף און רויטער פון א מער.
ווישט ער שטיל די אייגלעך אויס,
קײַקלט זיך א טרער אַרויס.
שרײַט די מאַמע:
— זייער שיין.
כ'האָב געזאָגט,
ס'וועט זײַן געוויין,
כ'האָב געזאָגט — א קאַלטער טאָג,
כ'האָב געזאָגט,
מע דאַרף ניט גיין!

כליפּעט ווילי: אוי-אוי-אוי,
כ'וויין ניט, ס'לאַך איך גאָר אַזוי!
ווילי איז א קאַץ, צי וואָס?
ווינטער מוז דאָך זײַן א פראָסט!

בּערויגעז

איכ בּינ בּערויגעז אפ מײַנ מאמענ,
ווײַל מײַנ מאמע איז אוזאמינ,
נאָר זי בּאָדט מיכ אונ זי בּאָדט.
ווײַל מײַנ מאמע איז אוזאמינ,
בּינ איכ בּערויגעז אפ מײַנ מאמענ,
מיר איז וואסער דאָכ א שאָד!
וואָלט זי מיר דאָס וואסער שענקענ,
וואָלט איכ שיפּעלעכ געבּראכט,
וואָלטנ שיפּעלעכ דאָ שווימענ
פונ דער פרי בּיז אפדערנאכט,

און די זייפּ ווען זי וואָלט שענקען,
וואָלט איך בלעזעלעך געמאַכט.
וואָלט איך בלעזעלעך געבלאָזן
פון גאַנצפרי און ביז באַנאַכט.
נאָר זי פאָלגט מיך דען, מײַן מאַמע?
ווײַל מײַן מאַמע איז אַזאַמין,
בין איך בעריגעז אַף מײַן מאַמען.
כ'גיי אין גאַס — דעם פּאָנעם וואַש,
כ'קום פון גאַס — די הענטלעך וואַש,
און ניט נאָר הענט. נאָר יעדער פּיאַטע,
וואַשט און וואַשט אַ שאָ אַוואַרע...
איז מיר טאַקע אַ פאַרדראָס!
כ'בין אַ גאַנדז, צי כ'בין אַ קאַטשקע,
צי אַ פיש איך בין, צי וואָס?
פלוצלינג זאָגט צו מיר די מאַמע:
— אויב דו ביסט אַזוי אין קאַס,
וויל איך דיך ניט וואַשן, קעמען,
גיי שוין, ווי דו גייסט אין גאַס.
אַז מײַן מאַמע איז אַזאַמין,
האָב איך זייער ליב מײַן מאַמען,
לויף איך מיר איבער די וועגן,
אָט אַזוי, ווי מיר געפעלט.
גייט אַ כאַזערל אַנטקעגן
און דאָס נעזל זיך פאַרשטעלט:
— כריו־כריו־כריו, ס'אַ מאָרנע יינגל!
קוק אַף מיר, נאָר פון דער ווײַט,
איך האָב ערשט זיך אויסגעבאָדן!
קאָנסט נאָך אויסשמירן מײַן זײַט!
— קריאַ, קריאַ, קריאַ, — זאָגט באַלד אַן ענטל,
ווינקט און ווינקט דעם בלויען קאָפּ, —
ס'אַראַ פיסלעך, ס'אַראַ הענטלעך!..
טו אַ טויווע — רוק זיך אָפּ!
און נאָר אַ זשאַבע —

גרינע לאַפּע,
פֿול מיט בראָדעווקעס באַדעקט,
האָט באַגריסט מיך און באַדאַנקט מיך,
מיטן צינגל זיך באַלעקט:
— ביסט דאָך פּונקט אין מיר געראָטן!
איך האָב אויכעט ליב די בלאָטע,
זאָלסטו קיינעם מער ניט הערן,
זאָלסט ניט לאָזן זייף צו זיך!
און ווי איך, וועסט גליטשיק ווערן,
האָבן בראָדעווקעס ווי איך!

נאָר קיין בראָדעווקעס איך וויל ניט,
מיט קיין גרינע זשאַבעס כ׳שפּיל ניט,
זע איך מיר א שטיין,
זיץ איך מיר און וויין!
כ׳בין ברוגעז אַפֿ מײַן מאַמען,
ווײַל מײַן מאַמע איז אַזאַמין,
אַז ס׳איז וואַסער איך א שאָד,
כ׳בעט זי: — באָד מיך!
— כ׳האָב קיין צײַט ניט!...
איצט זי האָט קיין צײַט ניט גראָד,
ווײַל מײַן מאַמע איז אַזאַמין,
בין איך ברוגעז אַפֿ מײַן מאַמען!



פינגערלעך

פֿאַראַן אַ גרינער גאָרטן,
אַ הענדעלע וווינט דאָרטן.
שרײַט דער קליינער מענדעלע:
— קום אַהערצו, הענדעלע.
צעשטעלט ער ביידע הענטעלעך,
אַנטלויפֿט פֿון אים דאָס הענדעלע,

צעשפּרייט ער אַלע פינגערלעך,
לויפט דאָס הענדל פלינקער נאָך.

זאָגט דער פינגער גרויסער
— לאָז נאָר מיך אַרויסעט!
ווײַזט דער פינגער צווייטער:
— אָנאָ, אָנאָ, גייט ער!
זאָגט דער פינגער־דריטער:
— אָנאָ, אָנאָ, פליט ער!
זאָגט דער פינגער פערטער:
— גלײַך אַהער פאַרקערט ער!
זאָגט דאָס פינפטע פינגערל:
— כאָטש איך בין אַ ייִנגערער,
איך בייג זיך אײַן אַביסעלע,
דעם האָן כאַפּ פאַר דעם פיסעלע.

אַלע־אַלע פינגערלעך
העלפן צו דעם ייִנגעלע.
שרײַט דאָס הענדל: קו־קו־ריק,
לויפן פינגערלעך צוריק,
פונעם גרויסן ביזן קליינעם
אין פויסטל טוליען זיך אײנײנעם.

פּרימאָרגנ

אלע בּיימער, אלע גראָזנ
דעקט נאָכ אײַנ דער טוי,
פּרישע ווינטנ טוי צעטראָגנ,
ווערט דאָ קיל אזוי.
אינעמ שיפּ פונ ראָזנ וואָלקנ
שווימט ארויס די זונ,
בּלייכער ווערט דער מאָרגנשטערנ,
ליכטיק ווערט ארומ.

אפ די גראָזן — טוי ווי שטערן
פינקלט שטילערהייט.
באַקלאַזשאַנעס פלוצלינג ווערן
רויט אפ יעדער בייט.
קינדער נעמען לויפן, שפרינגען
מיט די העזלעך גלײַך.
פישלעך הייבן אָן זיך קוליען
אפ דעם גרונט פון טײַך.
אין די גראָזן מוקלעך־פיצלעך
שפרינגען שוין פארטאָג.
זינגען פייגל, און די הינדלעך
פירט ארויס די הון.
און די זון צו יעדן איינעם
ליבלעך אָן א מאָס,
קושט די צווײַגן, קושט די קוויטן,
מוראשקעס אין גראָז,
אלע פיש אין אלע טײַכן
ציילט זי דורך אליין,
וועקט א יאשטשערקע א גרינע
הינטער גרויען שטיין,
יעדער פויגל, יעדער פעדער
ווארעמט דורך און גלעט,
העלפט א וועשערקע אן אלטער,
קלאָרער מאכט דאָס גרעט.

אינדערפרי

פון יעדן נעסט בײַ יעדער הויז
קוקט א שוועלבל שטיל ארויס,
קוקט דאָס שוועלבל, צוויטשערט דינ,
דרייט דאָס קעפּל הער און הינ,
מיט די פליגלענ טוט א פאָכ,
נאָכ און נאָכ, נאָכ און נאָכ.
צעווי, צעווי — פון נעסט אראָפּ,
און אָפּ א בוימ עס רוט שוינ אָפּ.
אינ צווײַג די נעגעלעכ פארדריקט,

שטיל עס צוויטשערט, שטיל זיך ווינט,
און מיט די פֿליגעלעך פֿאַרטאָן
אין אַ צווײַג עס רירט זיך אָן,
גיבן טויעלעך אַ בּליץ
אױף דעם פֿייגעלע אַ שפּריץ...
ווערט דאָס פֿייגעלע דערציטערט,
קוקט פֿאַרוים, אין הייך, אין נידער.
דרייט דאָס העלדזל הער און הין:
וואָס־זשע איז עס פֿאַר אַ מין?
ווער האָט דאָ אַזוי געקלאַפּט?
ווער האָט טויען אויסגעכאַפּט?
גיט דאָס שוואַלבּ אין לופֿט אַ פֿאָך,
נאָך און נאָך, נאָך און נאָך,
אַרויף, אַראָפּ, פֿאָרוים, צוריק,
גיט אַ כאַפּ אין לופֿט אַ מוק,
און אָט איז עס אין נעסט אַוועק.
און פֿון נעסטל איצטער שטעקט
נאָר אַ שטיקעלע פֿון עק.

מײַ־מאַריאַנע

מײַ־מאַריאַנע ברוגעזע,
מײַ־מאַריאַנע מײדעלע,
אין א װײַסן היטעלע,
אין א בלױען קלײדעלע,
װאָס שװײַגסטו אַלץ אין װינקל,
דו האָסט דען ניט קײן צינגל?
— כ'װעל ניט זאָגן!

מײַ־מאַריאַנע קלײנינקע,
מײַ־מאַריאַנע קװײטעלע,
ביסט דאָכ אזא װױלינקע,
אזא גוטינק מײדעלע,
פארװאָס װילסטו ניט רײדנ?
צוגאסט ביסט דאָכ באַמ זײדנ!

— ניט פארװאָס, אזױ!

מײַ־מאַריאַנע ברױגעזע,
מײַ־מאַריאַנע מײדעלע,
אינ א װײַסנ היטעלע,
אינ א בלױענ קלײדעלע,
עפשער װילסטו מערעלעכ,
עפּעלעכ אונ קערעלעכ?

— גיב אהער!

איצטער זאָג מיר, מײדעלע,
אינעמ בלױענ קלײדעלע,
געפעלנ דיר די מערעלעכ,
די עפּעלעכ אונ קערעלעכ?

— כ'װעל ניט זאָגנ!

— נו, פארװאָס־זשע, מײַעלע,
זאָג, פארװאָס, מאריאנעלע,
נו, זאָג־זשע מיר, דײַנ זײדנ,
פארװאָס װילסטו ניט רײדנ?

— ניט פארװאָס, אזױ!

אכ, דו שלעכטע מײדעלע,
אינעמ בלױענ קלײדעלע,
זע, װי אלע קינדער
באטראכטנ דיכ מיט װוּנדער,
אונ די קאצ אפילע
װיל מיט דיר ניט שפּילנ!



מיר איז אלצײנס

— וואָס־זשע, ווילִיע, ווילסטו פּאָרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן!
— וואָס דו ווילסט, מיר איז אלצײנס,
אַבי זאָלסט עפּעס געבן.
איך וויל דאָך עסן, מומע עטיע,
עסן זײער וויל איך.

— װעל איך געבן דיר א גלאָז
גוטע קאַלטע מילך.
— ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין,
פון קאַלטן טוט מיר װיי די ציין!

— װאָס־זשע, װיליע, װילסטו פאַרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן.
— װאָס דו װילסט, מיר איז אַלציינס,
אבי זאָלסט עפּעס געבן.
איך װיל דאָך עסן, מומע עטיע,
כ'האָב דאָך שוין געבעטן.
— װעל איך געבן דיר א פּאָר
הייסינקע קאָטלעטן.
— ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין,
פון הייסן טוט מיר װיי די ציין!

— װאָס־זשע, װיליע, װילסטו פאַרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן!
— װאָס דו װילסט, מיר איז אַלציינס,
אבי זאָלסט עפּעס געבן.
איך װיל עסן, מומע עטיע,
מומע ליבע, גוטע.
— װעל איך געבן דיר א פרישינק
בולקעלע מיט פּוטער!
— ניין, ניין, ניין,
ניין, ניין, ניין,
ברויט פאַרקריכט מיר אין די ציין!

— װאָס־זשע, װיליע, װילסטו פאַרט?
זאָג־זשע מיר, מײַן לעבן!
— װאָס דו װילסט, מיר איז אַלציינס,
אבי זאָלסט
צוקער געבן.

—

איך וועל וואַקסן

רײנע װאַסער, רעגן־װאַסער
טראָגט מײַן מאַמינקע אַרײַן,
אַלע עמער ביז די ברעגן
פֿול מיט װאַסער, פֿול מיט רעגן.
באָדן, באָדן כ'װעל זיך הײַנט.
זאָגט די מאַמע, איך װעל װאַקסן

ביז איר האַרץ און ביז איר אַקסל.
און נאָך העכער. ווייער הויך,
ביז דער זון און ביז די שטערן.
וועלן מיך די שטערן הערן,
און די זון וועט שײַנען שיין
אומעטום, וווּ איך וועל גיין!

---

5. אין א גוטער שאָ.

א קראָקאָדיל

— שטילער, מאמע, זאָל זײַן שטיל,
ס'ליגט אין סאָד א קראָקאָדיל.
ס'ארא אויגן, ס'ארא עק,
ניכער, מאמע, לויף אוועק.
אָטאָ שים איך אין אים אויס,
קום איך גלײַך צו דיר ארויס.
— וויליק, ווילי, ציגל־מיל,
וווּ זעסטו א קראָקאָדיל?
— שטילער, מאמע, שטיל זאָל זײַן,
בעסער גיי אין שטוב ארײַן:
שיפּן שלינגט ער מיט איין עק,
מיט די ציין בײַסט דורך די דעק.

טאָמער גיט ער דאָ א שפרונג
אונ דערלאנגט דיר מיט זײַנ שלונג,
וואָס וועט דעמלט פונ דיר זײַנ?
בעסער גיי אינ שטוב ארײַנ.
ארומ גאָרטנ גייט א צוימ,
לעבנ צוימ אנ אלטער בוימ.
גיט דער ווינט א ריר די בלעטער,
וויגנ אפ דער ערד זיכ רעדער.
אהינ א וויג, אהער א רוק,
ווילִיק קריכט אינ גראָז אונ קוקט,
צו דעמ גראָז דאָס קעפל בויגט.
צוגעזשמורעט ס'לינקע אויג.
הייבט די ביקס אהינ־אהער,
פונעמ ביקסל בליצט די רער,
אונ ער שעפטשעט:
— לויפ אוועק,
אטאָ קריכט ער אפנ וועג!

— שטילער, ווילִיק, זאָל זײַנ שטיל!
אויב דו זעסט א קראָקאָדיל,
וועל איכ איצט אינ שטוב ניט גיינ.
כ'וועל ניט לאָזנ דיכ אליינ!
שטייט אופ ווילִיק פונ די קני,
דריקט זיכ ווילִיק צו איר צו,
אונ שמייכלט ווילִיק כיטרע־שטיל:
— ס'איז דאָכ, מאמע, נאָר א שפּיל!

א פערדעלע

— אָט פונקט אזאמינ פערדעלע
איז פאראנ בא מיר,
אָט פונקט אזאמינ געלינקער,
ווי באמ קאָמאנדיר.
— איז זאָג, פארוואָס־זשע רײַטסטו ניט!
ס'איז דאָך א פארדרוס.

װאָס זעט מען ניט דײַן פּערדעלע,
װאָס גײסטו גאָר צופֿוס?
— װײַל עס האָט מײַן פּערדעלע
צו א לאַנגן צוים,
װײַל צוגעבונדן ס'פּערדעלע
צו א פֿרעמדן בוים,
װײַל עס עסט מײַן פּערדעלע
אין א פֿרעמדן הױף,
װײַל מע האָט מײַן פּערדעלע
מיר נאָך ניט געקױפֿט...



פייגל פליִענ

1

פונעמ דאָרעמ ביז דעמ צאָפנ
ליגט א לאנגער, שווערער וועג,
פונעמ דאָרעמ אפנ צאָפנ
פליִענ פייגעלעכ אוועק.

איבער טײַכ און איבער טאָלנ,
איבער יאמ און איבער בריק,

פליִען פייגעלעך מיט א צוויטשען:
— צוריק, צוריק, צוריק, צוריק!
שוואַך און מיד די פייגלען־פליגלען,
נאָר דער עלטסטער, שטאַרק און גרויס,
לאָזט ניט פאַלן, לאָזט ניט אָפּשטיין,
און אליין ער פליט פאָרויס.

ער איז מיד, ווי אַלע פייגלען,
עפּשער גאָר נאָך מערער מיד,
נאָר דער עלטסטער מוז זײַן שטאַרקער
און דער עלטסטער זינגט א ליד.

2

זינגט דער עלטסטער:
„א פרילינג־קליד טוט אָן דער האָז,
און ס'פּיקט זיך אויס פון ערד דאָס גראָז.
אצינד איז צײַט, אצינד איז צײַט
אַהיים צו פליִען פון דער ווײַט,
פון הייסער ווײַט, פון דאָרעם־לאַנד —
צוריק, צוריק צו אונדזער קאַנט.
מיר זײַנען לאַנג געווען צו געסט,
נאָר ניט געבויט זיך דאָרט קיין נעסט
און ניט געזונגען! טאָג ווי נאַכט
פון אונדזער היים געקלערט, געטראַכט.
און איצטער פליִען מיר מיט גליק
צוריק, צוריק, צוריק, צוריק
צו אונדזער היים, צו אונדזער רוים,
פון פּאַלמע־בוים צו ווײַנשל־בוים,
פון טיגרען צו די העזעלעך,
פון ליִאָנעס צו די גרעזעלעך,
פון מאַלפּעס צו די ווערעלעך
מיט די פּאַרשפּיצטע עווערלעך.
איך ווייס געווים, איך ווייס דערפון,

אז שײַנ און הױך איז אונדזער זונ,
און קורצ די נאַכט אינ אונדזער קאַנט,
און גרױס דער טאָג אינ אונדזער לאַנד.
צו מיר, צו מיר, צו מיר, צו מיר —
אַהײם איך פֿיר, אַהײם איך פֿיר".

3

און מיטאַמאָל אַפֿ הימל־װעגנ,
דורכ די װאָלקנס זײ אַנטקעגנ
פֿליט אַ פֿױגל מיט אַ ברומענ,
און פֿונ פֿױגל פֿאַלנ בלומענ,
און זײַפֿנ סטעפּ און אומעטום
יאָגט אַ בלום זיכ נאָכ אַ בלום.
ס'שפּראָצנ בלומענ גאָר פֿאַרקערט —
פֿונ הימל־הײכ, און ניט פֿונ דר'ערד,
נאָר דער פֿױגל, מאָרגנער פֿױגל,
טוט אַ פֿלי, װי פֿײַל־פֿונ־בױגנ,
טראָגט אַװעק זיכ אינ דער װײַט,
האַלט זײַנ װעג אַפֿ דאָרעם־זײַט.
הײבט די סטײַע אָנ צו קלאָגנ:
— עלטסטער, עלטסטער, מוזט אונדז זאָגנ,
צי געװיס דו װײסט דערפֿונ,
אַז סע װאַרעמט שײַנ די זונ?
האָט דער עלטסטער קלוגער פֿױגל
מער די פֿליגל נאָכ צעצױגנ,
האָט פֿאַרהײבט האַלדז און קאָפּ
און די פֿױגלענ ענטפֿערט אָפּ:
— אַכ, איר פֿײגל מײַנע שײנע,
פֿליגלענ לאַנגע, אױגנ קלײנע,
יענער פֿױגל — אָנ אײנ פֿעדער,
ניט קײנ לאַפּעס האָט ער — רעדער,
שײַנט דער פֿױגל װי אַ טײַכ,
פֿליגלענ האַלט ער שטענדיק גלײַכ.

— — — — — — — — — — —

איך ווייס געווים, איך ווייס דערפון,
אז העל און הויך איז אונדזער זון,
און גרוים הער טאָג אין אונדזער לאנד,
און קורץ די נאכט אין אונדזער קאנט.
צו מיר, צו מיר, צו מיר, צו מיר —
אהיים איך פיר, אהיים איך פיר.
און אָט א גרוס פון אונדזער געגנט:
פּיאָנערן אפֿ די וועגן.



דער צוג

ס׳קלינגען רעלסן, ס׳בעטן וועגן:
— צוגן, צוגן, לאָזט אײַך פרעגן,
לאָזט אײַך פרעגן, לאָזט אײַך זאָגן,
וויפל טראַכט איר נאָך זיך יאָגן?
רעדן, רעדן צוגן־רעדער:
— שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער, שפּעטער,
איצט מיר מוזן גיכער פאָרן,
ס׳טאָר קיין רעגע נײַן פאַרלאָרן!
אוּף, אוּף, אוּף, אוּף,
שווער צו קריכן באַרג־אַרוּף...

איך, נאָר איין לאָקאָמאָטיוו,
פיל וואַגאָנעס שלעפּ ארום,
פונעם הייצנ איז מיר היים,
פונעם וואַרטנ בינ איך בייז.
עפּנט אופ זיך, סעמאַפאָרנ,
לאָזט מיך פאָרנ, פאָרנ, פאָרנ,
כ'בינ אפ רעדער, אפ מײַנ וואָרט,
כ'קאָנ ניט אײַנשטיינ אפ איינ אָרט!

א מײַסע מיט א קאטשקעלע

אין א וואלד א טיפֿן, ברייטן, פֿול מיטביימער און מיט קוויטן, ניט גערוט און ניט געשלאָפֿן, איז א טײַכל אומגעלאָפֿן.

לעבן טײַכל, אפֿן גראָז, שפּאנט א בושעל—לאנגע נאָז. פֿאר די גרינע לאפּקעס כאפּט ער קליינע זשאבקעס. קומט אָבער א ברוינע פֿעל, אין טײַך די לאַפּקעס שטעקט ער, פֿישעלעך דערשרעקט ער. און נאָר א קליין קאטשקעלע, בלוי־קעפּעלע און קראטשקעלע, מיט דער זון שטייט אופֿעט גלײַך, שווימט א גאנצן טאָג אין טײַך, די

זשאַבקעלעך עס וועקט ניט, די פישעלעך עס שרעקט ניט. שווימט זיך, באָדט זיך פראַנק און פריַי און זינגט א לידעלע דערביַי.

איינמאָל קומט דער ברוינער בער, מיט די לאַפּעס טופּעט שווער, זעט ער בינען אין א הויל, ווערט דעם בער אזש זיס אין מויל; נעמט דער בער, קריכט אַפ א סוק, א לאַפּע טוט אין הויל א רוק, שלעפּט דעם האָניק פונעם הויל און שפּאַרט און שפּאַרט אין גרויסן מויל.

און דאָס קאַטשקעלע, בלוי־קעפּעלע און קראַטשקעלע, איז געווען אזאמיג, וואָס ס'האָט קיין אוולע ניט געקאָנט פאַרטראָגן, זאָגט עס:

— אַך, דו בער, דו ברוינער בער,
שעמסט זיך ניט צו גיין אהער,
דעם האָניק אויסגעפּינען,
באַראַבאווען די בינען!

און בינען האָבן דאָס דערהערט, פליען בינען אפן בער, — ווער צום אויער, ווער צו דער נאָז, און ווער צום אויג, — מע בייסט אים טיף, מע לאָזט אריין אין אים דעם גיפט.

אז סע צערעוועט זיך דער בער:

— וואָס האָט מיך געבראַכט אהער?
ראַטעוועט, אוי, ראַטעוועט,
די בינען מיך פאַרקאַטעווען!

לאָזט ער זיך לויפן, דער בער, און שריַיט:

— ס'איז אלץ איבער דיר, קאַטשקעלע, בלוי־קעפּעלע און קראַטשקעלע, דו וועסט זיך שוין פון מיַינע לאַפּעס ניט אויסדרייען!

האָט דאָס קאַטשקעלע אונטערן וואַסער דאָס קעפּעלע פאַרשטעקט און שוויַיגט. קומט דער בושעל — לאַנגע נאָז, שפּאַנט זיך לעבן טיַיך אין גראָז, און פאַר די גרינע לאַפּקעס כאַפּט ער גרינע זשאַבקעס און פאַרשלינגט. קאָן עס דאָס קאַטשקעלע ווידער ניט פאַרליַידן, הייבט עס אוף דאָס קעפּל פון וואַסער און זאָגט:

— אַך, דו בושעל, דו אזוינער,
כאַפּסט די זשאַבקעלעך די קליינע!
אַך, דו שלעכטער, אַך, דו פרעסער,
פון דעם בער ביסטו ניט בעסער!

דערהערן די וושאבקעלעך דעם קאטשקעלעס רייד און באַ־
האלטן זיך. ווערט דער בושעל אין כּאַס און זאָגט:

— וואַרט אויס, איך וועל זיך מיט דיר צערעכענען!
לויפט דער בושעל צום בער, און דער בער צום בושעל, און
מע רעדט זיך צונויף דאָס קאטשקעלע פּאַטערן.

— אזא כוצפע, — זאָגט דער בושעל צום בער, —
כ'שווער זיך בּאַ מײַן לאַנגער נאָז,
ס'איז דאָך פּאַשעט א פאַרדראַס!
ווינציק, וואָס עס גייט און פליט,
כאַטש קיין בושעל איז עס ניט...

— ביסט גערעכט, — זאָגט דער בער צום בושעל, —
שווימט עס דאָ אין טײַכל
און רעדט ווי אונדזער גלײַכן.
אָט די קראַטשע, בלויע קאַטשקע!

— ווען איך בין אָפּ דײַן אָרט, — זאָגט דער בושעל, — און
פאַרמאָג אזעלכע פּראַכטפולע לאַפּעס און ציין, און קאָן שווימען
ווי דו, וואָלט איך אָט די מיִעסע קאַטשקע געכאַפּט און אופגעגעסן!

— אויב אזוי, — זאָגט דער בער, — איז לאָמיר זי אינצווייען כאַפּן
און צעשלאָגן און צעקלאַפּן. דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך מיר האָניק
א ביסל צוגעגעסן, כ'וואָלט גערן אין א נאָוועגע פאַרזוכן א שטיקעלע
קאַטשקע.

— און איך, — זאָגט דער בושעל, — האָב קיין קאַטשקע נאָך
קיינמאָל ניט געגעסן, נאָר פאַרזוכן, וואָס עס איז אזוינס, וועל איך
זיך ניט אָפּזאָגן, פליק נאָר אָפּ די פעדערן, ליבער, ברוינער, שיי־
נער בער!

— אָפּגעמאַכט, — זאָגט דער בער, — און לאָמיר זיך שוין צו איר,
צו דער קאַטשקע טאַקע, א נעם טון.

געזאָגט און געטאָן.
באַלד וואַרפט זיך דער בער אין טײַך אַרײַן און שרײַט:
— אָט כאַפּ איך עס, אָט פרעס איך עס, דאָס קאַטשקעלע! אָט
האָב איך עס, אָט פרעס איך עס, דאָס קראַטשקעלע!

האָט זיך דאָס קאַטשקעלע דערשראָקן און איז אַרויסגעפֿלויגן אויפֿן ברעג.

שטייט דאָרט בושעל — לאַנגע נאָז און שרייַט פֿון זייַן זייַט:

— אָט שטעך איך עס, אָט ברעך איך עס, דאָס קאַטשקעלע! אָט שטעך איך עס, אָט ברעך איך עס, דאָס קראַטשקעלע!

וואָס זאָל, געבעך, דאָס קאַטשקעלע טון? וווּהין עס וואַרפֿט זיך, וואַרט מען אויף דעם: אין טייַך — דער בער, לעבן טייַך — דער בושעל.

שרייַט דאָס קאַטשקעלע:

— פֿישעלעך, פֿישעלעך, העלפֿט מיר!
— פֿרייַנטעלעך, פֿרייַנטעלעך, העלפֿט מיר!

נאָר די פֿישעלעך קאָנען דאָך פֿון וואַסער ניט אַרויס, שרייַט דאָס קאַטשקעלע:

— פֿרעשעלעך, פֿרעשעלעך, העלפֿט מיר!
— פֿרייַנטעלעך, פֿרייַנטעלעך, העלפֿט מיר!

נאָר די פֿרעשעלעך האָבן די לאַפּקעלעך פֿאַרדריזנעט און קאָנען פֿון דער בלאָטע ניט אַרויס.

טראַכט דאָס קאַטשקעלע: אוי, געקומען מייַן סאָף! פּלוצעם דערזעט עס אַ קוסט. פֿליט עס אַהין אַרייַן אַזוי פֿלינק, אַז ניט דער בושעל, ניט דער בער באַמערקן, וווּהין ס'איז אַהינגעקומען!

זיי דרייען זיך, דרייען זיך, און צום סאָף שרייַען זיי אויס מיט כּעס:

— אַהאַ, דו ווילסט זיך ניט אונטערגעבן מיט גוטן, נו, איז געדענק־זשע:

מאָרגן קומען מיר באַגינען,
און מיר וועלן דיך געפֿינען,
דייַנע פֿעדערלעך צעפֿליקן,
דייַנע ביינדעלעך צעפּיקן!

דער בושעל רעדט אייַן דעם בער — נאָך אַ ביסל דאָס קאַטשקעלע זוכן, נאָר דער בער זאָגט:

— ניט און ניט,
פונעם לויפן בין איך מיד,
כ׳וויל שלאָפן;
מאָרגן פרי באַגינען
וועל איך עס געפינען.

א כוצפּע פון א קאַטשקע — א בער וויל איר אָנטון קאָוועד און זי אופּעסן, באַהאַלט זי זיך גאָר!

און ער גייט אוועק, דער בושעל נאָך-אים. בלייבט דאָס קאַטש־קעלע אליין, זיצט עס אָפּן ברעג און וויינט.

אינעם זעלבן וואלד, אין צווייטן עק, נאָר מיט גרינעם גראָז באַדעקט, איז א שטיבעלע געשטאַנען מיט צוויי פענצטער און א גאַנעק. און אָט דאָרט האָבן געוווינט דריי נעפּאַשעס, דריי פאַר־שוין: א מאַמע מיט איר ייִנגעלע און א קעצל אין א ווינקעלע. די מאַמע און דאָס ייִנגעלע האָבן געמיינט, אַז דאָס קעצל איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער שטוב און צום ייִנגעלע, ווייל דאָס קעצל האָט שטענדיק געמורקעט:

— מורר, מורר, מוררר...

און אַזוי שטיל, אַז ס׳איז אויסגעקומען, אַז עס זינגט א לידל, קעדיי דעם ייִנגעלע פריילעך צו מאַכן. אינדערעמעסן האָט דאָס קעצל קיינעם ניט ליב געהאַט, און געזונגען האָט עס אָט וואָס:

— מירדר, אומעטיק, מירדר,
צוגאַסט ווילט זיך מירדר,
אין וואַלד גאָר איין אַליין,
ווילט זיך לויפן, ווילט זיך גיין,
מיר, מירר, מירדר, מירררר...

אין דעם טאָג, ווען דאָס קאַטשקעלע האָט זיך צעקריגט מיטן בער און בושעל, איז דעם ייִנגעלעס מאַמע אוועק אין וואַלד שוואָ־מען קלייבן. זאָגט די מאַמע צום ייִנגעלע פאַרן אוועקגיין:

— זונעלע, איך גיי אין וואַלד שוואָמען קלייבן,
און דו און דאָס קעצעלע וועלן אין שטוב פאַרבלייבן,
שפּילט זיך שטילערהייט צוזאַמען,
כ׳וועל אין וואַלד זיך ניט פאַרזאַמען.

און דאָס קעצעלע האָט נאָר געוואַרט, די מאַמע זאָל אַוועק, אויסגעביגן דעם רוקן, אָנגעשטעלט די וואָנצעס און פון גאַנעק גלייך אין גראָז אַריין.

לויפט דאָס יינגעלע נאָך איר:

— אוי, אַז וועמען לאָזטו מיך?

נאָר דאָס קעצעלע פון גראָז גיט זיך אַ בוים אַ לאָז, פון איין בוים אויף אַ צווייטן, אַף די פּיכטעס אַף די ברייטע, אַף די סאָסנעס, אַף די נים, און דאָס יינגעלע פאַרבלאָנדזשעט, און עס ווייסט ניט, ווו עס איז. קוקט דאָס יינגעלע אַרויף, פייגעלעך, וועווערקעס עס רופט:

— אוי, וועווערקעס, אוי, פייגעלעך,
שוואַרצינקע איר אייגעלעך,
ס'איז מיין מאַמע ווייט אַוועק,
טיף אין וואַלד, אין סאַמע עק,
ס'האָט מיין קעצל מיך פאַרפירט,
עפשער וועט איר העלפן מיר?
איר קוקט אַראָפּ פון הויכן בוים,
עפשער וועט איר זען מיין היים?

נאָר די וועווערקעלעך ניסלעך קנאַקן,
שפּאַרן זיי אין ביידע באַקן,
און קיינער הערט ניט זיין געוויין,
קיינער ווייסט ניט, וואָס ער מיינט,
און די פויגלען זינגען, שפּרינגען
און דעם גאַנצן וואַלד פאַרקלינגען.
און מע הערט ניט זיין געוויין,
קיינער ווייסט ניט, וואָס ער מיינט!

לאָזט זיך דאָס יינגעלע ווייטער לויפן. געלאָפן, געלאָפן, ביז ער איז פּלוצעם צום טייך דערלאָפן און דערזען דאָס קאַטשקעלע, האָט ער בא דעם אויך אָנגעהויבן פרעגן:

— קאַטשקעלע, אוי, קאַטשקעלע,
בלוי־קעפּעלע, קראַטשקעלע,
כ'ווייס ניט, ווי אַהיים צו גיין,
עפשער ווייסטו, ווו ז'מיין היים?

6. אין אַ גוסטער שאָ

ענטפּערט אים דאָס קאַטשקעלע:

— וווּ דײַן היים איז, ווייס איך ניט,
נאָר איך זע, אַז דו ביסט מיד,
זעץ זיך אויף אויף מיר און פלי.
און זיכער כ׳בין דערינען,
דײַן שטוב וועל איך געפינען.

עס גיט אין טײַך אַ שאַרפן קוק, גיט פריילעך אַ פּאַך מיט די גרוי־בלויע פליגלען און פרעגט:

— יינגעלע, יינגעלע, איז דײַן שטוב ניט אַזאַ און אַזאַ, מיט אַ גאַנעקל אונטן, מיט אַ קוימען אויבן, מיט צוויי פענצטער אין דער מיט און בײַ דער זײַט אַ הויכע טיר?

— אוי, — זאָגט דאָס יינגעלע, — פּונקט ווי געטראָפן! פון וואַנען ווייסטו עס?

— אין טײַך זע איך, — זאָגט דאָס קאַטשקעלע, — די שטוב דײַנע איז אויף אַ בערגל. נאָר כ׳זע, ס׳איז גאַנץ ווײַט, און די זון פאַרגייט שוין הײַנט. נו, אין וועג, מײַן ליבער פרײַנט!

דאָס יינגעלע זעצט זיך דעם קאַטשקעלע אויף דער פלייצקע, און מע לאָזט זיך פליען. דאַרף זיך ניט אָנהייבן אַ רעגן? אָבער אַ גאָסרעגן מיט אַ ווינט, מיט אַ שטורעם און די ביימער הודען:

הו־הו־הו!

און דעם קאַטשקעלע דוכט זיך, אַז דער בער ברומט עס:

— דו־דו־דו, קאַטשקע, דו!

און דאָס קאַטשקעלע איז נאָך אויסגעמאַטערט און דערשראָקן פון פריִער. איז דעם שווער, פאַרשטייט זיך, פליִען. נאָר פאַרן יינגעלע ווײַזט עס ניט אַרויס. פאַרקערט, עס רעדט אים נאָך אײַן:

— אַט־אַט דערפליִען מיר,
ס׳דוכט מיר שוין, איך זע דײַן טיר.
אָנאָ זע איך, צווישן ביימער
גייט אַ רויך דאָרט פון אַ קוימען.
אַזאַ טײַער קאַטשקעלע איז דאָס געווען!
און דער ווינט שמײַסט, רײַסט די פליגל, רײַסט די ביימער.

און די ביימער אַלץ:
הו־הו־הו!
און דער קאַטשקע רוכט זיך, דער בער ברומט:
בו־בו־בו, קאַטשקע, באַלד פרעס איך דיך!
און דאָס קאַטשקעלע, אַט־אַט פאַלט עס, אַזוי איז עס מיד און דערשראָקן. און דאָס ייִנגעלע איז אויך נאַס פון רעגן, ציטערט פון קעלט, קוקט אין אַלע זײַטן און ועט ניט גאָרניט.
וויינט עס:

— אוי, פאַרבלאָנדזשעט האָבן מיר,
כ'זע קיין שטוב ניט.
כ'זע קיין טיר,
און צווישן ביימער
קיין שום קוימען!

נאָר דאָ האָבן זיי געהאַלפן די וועוועקעס און די פייגעלעך. איצט, אין רעגן, אין שטורעם, זײַנען די וועוועקעס געזעסן אין די נעסטעלעך שטיל. זיי איז אַליין געווען ביטער אַפן האַרצן, האָבן זיי יענעמס אומגליק דערפילט. און די פייגעלעך האָבן אויך איצט ניט געזונגען און ניט געשפרונגען, נאָר געזעסן אין די נעסטעלעך שטיל. איינס צו דעם צווייטן זיך געטוליעט און דעם ייִנגעלעס ווייטעק דערפילט. ווי זיי האָבן דערזען דאָס קאַטשקעלע מיטן ייִנגעלע פליִען, האָבן זיי אָנגעהויבן רופן:

— זעצט זיך דאָ אונטער די בלעטער,
באַלד וועט זײַן אַ גוטער וועטער.

און באַלד טאַקע איז דער רעגן איבערגעגאַנגען. און דאָס קאַטשקעלע און דאָס ייִנגעלע האָבן דערזען, אַז דאָס שטיבעלע איז שוין אַזוי נאָענט, אַז עס לוינט גאָר ניט פליִען, מע קאָן גיין צופוס.
אוי, האָבן זיי זיך דערפרייט! זיי לויפן צו צום גאַנעק, זעט דאָס ייִנגעלע, די מאַמע איז ניטאָ: „מיסטאָמע אוועק מיך זוכן".
בעט דאָס ייִנגעלע:

— קאַטשקעלע, בלוי־קעפּעלע, קראַטשקעלע!
בלײַב שוין, קאַטשקעלע, בא מיר,
איך וועל כאַווער זײַן מיט דיר.

ענטפערט אים דאָס קאַטשקעלע:

— צום הארצן ביסטו, ייִנגל, מיר,
אַפּ אייביק וועל איך זײַן בײַ דיר.

ווערט דאָס ייִנגעלע דערפרייט, אַפּ די דיבקעלעך ער גייט, אַפּ די פּיאַטקעלעך ער שטייט, און ער שפּרינגט און ער טאַנצט, מיט די אייגעלעך ער גלאַנצט:

— אוי, איך האָב אַ קאַטשקעלע, אַ בלוי־קעפּעלע, אַ קראַטשקעלע, עס וועט אויסלערנען מיך שווימען, סע איז אַליין צו מיר געקומען, עס קאָן פליִען און קאָן גיין מיט די פיס, ווי איך אַליין.

האָט די קאַץ עס גלײַך דערשמעקט,
קומט זי, גיט די נאָז אַ שטעק,
באַלעקט די וואָנצעלעך און פרעגט:
„פון דער קאַטשקעס פליגעלע
וועסטו געבן מיר אַ שטיקעלע,
וועל איך מײַזעלעך דיר ברענגען,
וועל איך קלײנינקע דיר שענקען.
זיי האָבן לאַנגע עקעלעך,
זיי טראָגן גרויע זעקעלעך,
זיי האָבן שוואַרצע אייגעלעך
און פּישטשען ווי די פייגעלעך.
און טאָמער ווילסטו פייגעלעך,
ברענג איך דיר די בעסטע,
כ׳קריך אַפּ אַלע ביימער דאָך,
כ׳ווייס דאָך אַלע נעסטן!"

קלערט דאָס ייִנגעלע ניט לאַנג
און ער ענטפערט גלײַך: „אַראָנק!
פייגעלעך כ׳האָב טאַקע ליב,
נאָר טויזנט פייגעלעך מיר גיב,
דאָס קאַטשקעלע פאַרבײַטן? — ניין,
ס׳קאָן פון דעם קיין רייד ניט גיין!"

ווערט די קאַץ בערויגעז,
זשמורעט איַין די אויגן,
און אין דער רעגע, אָפּ דער שטעל,
קומט דער בושעל אָפּ דער שוועל,
שטעלט זיַך בושעל אָפּ איין פוס,
גיט פון וואלד אים אָפּ א גרוס,
דעם שנאָבל ווישט אין פליגל אויס,
און ער גייט מיט רייד ארויס:
„איך האָב היַינט אזוינס דערהערט,
אז ס'איז דאָ אָפּ אונדזער ערד
ניט קיין בושעל — און מיט פליגל.
אָפּן טיַיך ער קאָן זיך וויגן
און באַרימט זיך, אז ער פליט,
כאָטש קיין בושעל איז ער ניט.
אָט דעם פויגל גיט מיר אָפּ,
כ'וויל אים אָפּביַיסן דעם קאָפּ!
און פאר דיר כ'וועל זשאבקעס ברענגען,
איך וועל גרינינקע דיר שענקען,
זיי האָבן דאָך פיר לאַפּקעלעך,
אָט די גרינע זשאבקעלעך,
א וויַיסינק פּאַרטעכל אזא,
און יעדערע קאָן זאָגן „קווא".
און עפשער ווילסטו שטיינדעלעך
וויַיסע, פונקט ווי ציינדעלעך,
אָדער גרויע, גרינע,
קיַילעכדיקע, דינע,
מיט אָדערלעך, מיט שפּרענקעלעך,
ווי פינגערלעך, ווי צינגעלעך,
צי פּאַטשערקעס, קארעלן —
דארפסטו נאָר באַשטעלן!"
זאָגט דאָס יינגעלע: „א דאנק!
(כאָטש אים טוט נאָך שטארקער באַנק)
זשאבקעס פּאַסטן נאָר דיַין שנאָבל,
איך קיין זשאבקעס דארף ניט האָבן.

פאטשערקעס כ'האָב טאקע ליב,
נאָר טויזנט פאטשע, [illegible]ם מיר גיב
און די טײַערסטע קארעלן, —
כ'וועל ניט נעמען, כ'וועל ניט וועלן!
דאָס קאטשקעלע פארבײַטן? — ניין,
ס'קאָן פון דעם קיין רייד ניט גיין!"

לויפט דער בושעל באלד צוריק,
גיט פאר קאם די קאצ א פיק,
גיט די קאצ־אימ גלײַך א ריס
פאר די דארע, לאנגע פיס.

זאָגט דער בושעל: „ווילסט ניט, הער,
שיק איך אָן אפ דיר א בער,
אָנאָ קומט ער שוין, דײַן גאסט,
ער וועט געבן דיר, ווי ס'פאסט".
גיט זיך יינגעלע א ריר,
זעט — א בער שוין קריכט אין טיר,
מיט איין זײַט א קריך אין טיר,
אפ די הינטערפיס ער שטייט
און הייבט אָן אזעלכע רייד:
„זעסט דאָך גוט, איך בין א בער,
לאנג צו ריידן איז מיר שווער,
בא מיר אין קאנט, ווו כ'לעב און וווין,
איז מען ריידן ניט געוווינט.
זאָג איך קורץ און מיין איך גוט:
גיב די קאטשקע די מינוט,
און דערפאר איך נעם זיך ברענגען
קליינע שטעכעלעך א מענגע,
יאגעדעס פון יעדן מין
און א בינשטאָק אָן איין בין,
נאָר מיט האָניק זיסן, געלן,
אזא חורבזיכטיקן, העלן,

אַז ער שלינגט זיך גאָר אַליין
און פֿאַרגייט ניט אין די ציין!"
זאָגט דאָס ייִנגעלע: „אַ דאַנק!
ס'טוט מיר זייער־זייער באַנק.
האָסט מאַטאָנעס גוט און פֿײַן,
שענער קאָן שוין גאָר ניט זײַן.
איך וואָלט גערן צוגעביסן
מיט דעם האָניק מיט דעם זיסן,
און די שטעכעלעך אַ מענגע
וואָלט איך וועלן, זאָלסטו ברענגען.
נאָר מײַן פֿרײַנט פֿאַרבײַטן? — ניין,
ס'קאָן פֿון דעם קיין רייד ניט גיין!"

ווי דער ברוינער בער עס הערט,
גיט ער זיך אַ בייזן קער,
מיט דער לאַפּע מיט דער גראָבער —
טראַך דעם בושעל גלײַך אין שנאָבל:
„שטיי ניט, לאַנגער, אַף דער טיר,
ס'גייען עלטערע פֿאַר דיר!
און דיר, דו יונג, וועל איך באַצאָלן,
כ'וועל דײַנע שטיבעלע צעמאָלן.
פֿון דײַן גאַנצן שטיבעלע
מאַך איך באַלד אַ גריבעלע".

פּלוצעם — וועווערקעס און האָזן,
ווער פֿון ביימער, ווער פֿון גראָזן,
שרײַען: „פֿרײַנטעלעך, הערט אויס,
איר זײַט אַלע ליב און שיין,
אַלע זײַט איר פֿול מיט כיין,
נאָר דאָס קאַטשקעלע פֿון טײַך
ניט צום בײַטן, זאָגט מען אײַך.
ס'איז פֿון טײַך אַוועקגעשוווּמען,
צו דעם ייִנגעלע געקומען,

ווילנ זיי כאווירימ זײַנ
אונ אפּ עמעס גוט אונ פֿײַנ !
ווער־זשע רעדט דאָ פֿונ א בײַט ?
שעמט זיכ, שעמט זיכ, יונגעלײַט !"

אונ פֿאַר שאנדע אונ פֿאַר בושע
ווערנ רויט די פּיס באַמ בושעל,
אונ ס׳פֿאַרשעמט זיכ גלײַכ דער בער,
דרייט דעמ קאָפּ ער הינ אונ הער.
נאָר דאָס קעצעלע אליינ
זאָגט : „איכ קאָנ דאָס ניט פֿאַרשטיינ,
אָט דערופֿ בינ איכ א קאַצ,
כ׳גיב ניטווילנדיק א קראַצ".
האָט מענ באַלד די קאַצ פֿאַרטריבנ
אונ אָנ דער בייזער קאַצ געבליבנ.
דאָ די מאַמע איז געקומענ
אונ דעמ זונ ארומגענומענ.
אַלע זאָגנ מיט איינ מאָל,
אַלע זאָגנ אינ איינ קאָל :
— ריכטיק, ריכטיק, עמעס, עמעס,
אויב מע כאווערט זיכ מיט וועמענ,
אונ אפּ עמעס גוט אונ פֿײַנ,
קאָנ פֿונ בײַט קיינ רייד ניט זײַנ,
ניט אפּ האָניק זיסנ, געלנ,
ניט אפּ פֿייגל אונ קאַרעלנ,
ניט אפּ יאַגעדקעלעכ קליינע,
ניט אפּ סאַמע בעסטע שטיינער.
ניט אפּ הונדערט גוטע יאָר —
ניט אינ כאַלעמ, ניט אינ וואָר!

א מײַסעלע װעגן א פעלד־גאַנדז, א לערכע און א זיסעלע

איך בין די ערשטע, איך בין די ערשטע,
איך בין די ערשטע געקומען
װעקן די זאַנגען, װעקן די גראָזן,
װעקן די פעלדישע בלומען.
טראַליאַ־ליאַ, װי פריש איז די לופט!

טראַליאַ־ליאַ־ליאַ, די זון גייט שוין אויף!
אין גאָלד איז דאָס פעלד,
און דער הימל איז בלוי,
און ס׳שלינגט פון די גראָזן
די פעלד־גאַנדז דעם טוי.

אַזוי האָט געזונגען די לערכע און געדרייט זיך הויך־הויך אונטערן הימל.

איר לידעלע איז געווען לויטער עמעס. דער הימל איז טאַקע געווען בלוי, די זאַנגען — גאָלדענע, און די פעלד־גאַנדז איז אַוועק צום עק פעלד, אַהין, וווּ עס זיינען געוואַקסן בערעזעס, גראָז און עס איז געשטאַנען אַן אַלטער הילצערנער ברונעם. דער ברונעם און די בערעזעס האָבן פאַרשטעלט די פעלד־גאַנדז פון אַלע זייטן, און זי האָט זיך רויִק געטרונקען דעם פרישן פרימאָרגן־טוי. די לערכע האָט [illegible] דערזען פון איר בלויער הייך און וועגן דעם גלייך צוגעטראַכט [illegible] לידעלע, ווייל געזונגען האָט זי נאָר וועגן דעם, וואָס זי האָט געזען [illegible] אירע אויגן, די לערכע. און געזען האָט זי אַלץ — זי איז דאָך געפלויגן הויך־הויך אונטערן סאַמע הימל, נעבן דער זון קימאַט, און אַלץ, וואָס זי האָט געזען, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די זונענשט[illegible], און דעריבער האָט אַלץ אויסגעזען נאָך שענער ווי אינדערעמעסן.

בערעזעלעך ווייסינקע,
וואַקסט אינדערהייך!
הילצערנער ברונעם,
גוט־מאָרגן דיר אויך!
ס׳זאָל דיר דיין וואַסער
קעסיידער זיין קאַלט!
זאָלסט אַלעמאָל טיף זיין
און קיינמאָל ניט אַלט!
ס׳זאָלן זילבערנע עמער
דיר קלינגען אַ ליד:
טרי־לי־לי־לי,
טרי־לי־לי־לי!

די שפּיצן פון די בערעזעס האָבן זיך פאַרטרויטלט פאַר פרייד, ווייל די לערכע האָט זיי דערמאָנט [illegible] איר ליד. זיי זיינען דאָך געוואַקסן אין עק פעלד. די בערעזעס, דעריבער איז זיי גאָר ניט איינגעפאַלן, אַז עמעצער באַמערקט זיי. דעם עמעס געזאָגט, האָבן זיי נאָך געוואָלט שלאָפן. נאָר זיי האָבן זיך ניט קיין קאָפּ ניט באַליידיקט דערויף, וואָס די לערכע האָט זיי אויפגעוועקט.

דער אַלטער הילצערנער ברונעם האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט נעכטן אומיסטן פאַרשלונגען אַן עמער, וואָס עס האָט געבראַכט צו אים אַ קליין מיידעלע, און פאַר כאַראָטע האָט ער אויך אַ זיפץ געטאָן, אַז די קייט, אויף וועלכער עס הענגט די עמערס, האָט אַליין פון זיך אָנגעהויבן סקריפּען.

און די זאַנגען האָבן אָנגעבויגן די קעפּלעך, די לערכע זאָל זען, ווי זיי בייגן זיך, געפּאַקטע מיט קערנער, ווייל אַלעמען איז דאָך באַוווּסט, אַז נאָר פּוסטע זאַנגען פאַררייסן די קעפּ אינדערהייך.

— לערכע, טייערע לערכע, זינג נעבן אונדז, ביז וואַנען די פעלד-גאַנדז וועט זיך אומקערן, זינג נעבן אונדז, — האָבן שטיל געשושקעט די זאַנגען.

— וואָס איז געשען ? — האָט די לערכע גלייך איבערגעריסן איר זינגען און געבליבן הענגען אינדערלופטן אויף די צעשפּרייטע פליגלעך.

— מיר האָבן מורע, מיר האָבן זייער מורע, דאָס זיסעלע וועט אונדז באַפאַלן !

— עס האָט זייער שאַרפע ציין, דאָס זיסעלע, עס איז אַזאַ גרויס !

— עס טראָגט מיט זיך צוויי זעק !

— און די פעלד-גאַנדז איז אַזוי ווייט !

אַזוי האָבן געשושקעט די זאַנגען פון אַלע זייטן.

די פעלד-גאַנדז איז טאַקע געווען גאַנץ ווייט. זי האָט זיך שוין אָנגעטרונקען מיט טוי און באַשטימט אַ ביסל צו שפּאַצירן. קיין הונט האָט מען ניט געהערט, קיין מענטשן האָט מען ניט געזען, און קיין ווינט האָט ניט געבלאָזן.

די פעלד-גאַנדז האָט געשפּאַנט איבערן פעלד לאַנגזאַם און געלאַסן, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר איר וווּקס, וואָג און פאַר דער מאַסע שיינע פעדערן, אין וועלכע זי איז געווען אויסגעפּוצט.

קוקנדיק אפ דער פעלד־גאנדז, וואָס שפאנט אזוי פארטראכט און סטאטעטשנע, וואָלט קיינעמ גאָר ניט איינגעפאלנ, אז די גאנדז איז אזוי נערוועז און אומרויִק.

אָבער דער פעלד־ווינט האָט עס שויג דאפקע יאָ געוווסט, און געוווסט אפילע, אז די פעלד־גאנדז האָט אימ שוידערלעכ פיינט און האָט פאר אימ מוירע, געוווסט אפילע, פארוואָס זי האָט אימ פיינט. ער איז דאָכ ארייגעקראָכנ אינ יעדער שפארונע, דער ווינט, אפילע אונטער די פעדערנ האָט ער זיכ פארקליבנ, אקוראט נעבנ פעלד־גאנדזס הארצ, און אונטערגעהערט, וועגנ וואָס עס קלאפט. דאָכ האָט ער זיכ יעדעס מאָל געמאכט טאמעוואטע, און איצטער אויכ. ער איז צוגעפלויגנ און גלייכ אָנגעהויבנ גלעטנ אירע פעדערנ און כאנפענעג זי:

— שיינע שוועסטער פעלד־גאנדז, וואָס זייט איר פארדייגעט? — האָט ער זיכ צעשעפטשעט. די גאנדז האָט ניט געענטפערט און האָט זיכ געלאָזט לויפנ. מער פונ אלעמענ אפ דער וועלט האָט זי פארטרויט אירע פיס, און ווינציקער פונ אלעמענ — דעמ ווינטס שעפטשענ. זי איז געלאָפנ אלצ גיכער און גיכער, כאָטש עס האָט גאָר ניט געפאסט פאר איר ווּקס און וואָג.

— וואָס־זשע אנטלויפט איר פונ מיר? — איז דער ווינט צוגעשטאנענ. א היפשע ווײַלע איז די גאנדז געלאָפנ שווייגנדיק, נאָר אז דער ווינט איז אלצ צוגעשטאנענ, האָט זי ניט אויסגעהאלטנ:

— ווייל איר זייט א פלוידערזאק! — האָט זי אויסגעשאָסנ (זי איז דאָכ געווענ א נערוועזע, די גאנדז).

דער ווינט האָט א שפרונג געטאָנ, ווי פונ אנ אימדערוואַרטעטער באליידיקונג.

— וואָס רעדט איר? — האָט ער געזאָגט. — איכ הער עס צומ ערשטנ מאָל! — ער האָט אָנגעכאפט פאר דער טשופרינע די אומשולדיקע בערעזע און זי אזא צי געטאָנ צו זיכ, אז די בערעזע האָט זיכ אזש איינגעבויגנ.

— אזא פלוידערזאק, געוויס א פלוידערזאק, וואָרענ ניט? ווער האָט מיר נעכטנ דערציילט, אז עס יאָגנ זיכ נאָכ מיר הינט און יעגערס, און באלד דערנאָכ זייט איר אוועקגעלאָפנ פונ מיר צו די הינט און דערציילט זיי, ווו! וואָלט איכ איצט אָנגעשפארט,

וועג ניט די זאנגען ? זיי האבן מיך קוים אויסבאהאלטן. א זיסעלע גלייב איך מער, ווי אייך, — האט די פעלד־גאנדז אויסגעשריגן.

דאס איז געווען אומדערהערט. דאס זיסעלע איז דאך די סאמע נישטיקע באשעפעניש, האגאמ עס טראגט א גרוי טולופל און א ווייסע וועסט, ווי עפעס גאר א גרויסער באלעבאס אין פעלד.

— אך, ווי שלעכט איר פארשטייט מיך, — האט דער ווינט געשעפטשעט. — ווער, ווער, נאר די זיסעלעך זיינען געווים ניט מיין קאמפאניע. — און דער ווינט האט זיך אפגעטראגן.

— לערכע, טייערע לערכע, קום צו אונדז נעענטער, עפשער וועסטו דאס זיסעלע מיט דיין זינגען פארטרייבן, — האבן אלץ געבעטן זיך די זאנגען.

— אבער איך קען דאך עס ניט, — האט געענטפערט די לערכע און פונדעסטוועגן זיך אראפגעלאזט אף די זאנגען און גלייך גענומען נישטערן, זוכן, אפרייניקן די זאנגען פון יעדן מוקעלע און פליגעלע, וואס האבן געקאנט די קערנער ווייטעק פארשאפן, און געזונגען דערצוליב אייגענעם פארגעניגן.

— אך, ווי גוט, — האבן געשעפטשעט די זאנגען. — אך, ווי וויל דו זינגסט, טייערע־טייערע לערכע.

— נו, דאס איז א געשמאק־זאך. יעדנפאלס, מיר געפעלט עס ניט! און מיר דאכט, אז עפעס פארשטיי איך יא אין אזוינע זאכן. א כוצפע אזא! מיין אייגענע פרוי און קי[illegible]דער האב איך באוועצט אין א צווייטער דירע, ווייל כ'פארלייד ניט [illegible]ינדסטן טומל. און דא קומט ווייסט עס ווער און טראלעלייקעט [illegible] טראלעלייקעט, — האט זיך פלוצלינג דערהערט א קוויטש־קעלעכל.

פון אנהייב האט די לערכע אפילע ניט פאר[illegible] וועק עס רעדט. ז[illegible]אט דערזען א נארקעלע און נעבן נארקעלע א גרוי סטוי־פיקל מי[illegible]זינק פאסיקל אינדערמיט.

די זאנגען האבן געוואלט דערציילן דער לערכע, אז דאס איז עס דאס זיסעלע — זייער גרעסטער סוינע. נאר פאר שרעק האבן זיי זיך שטיל געוויגט. זיי פארגעסן, וויאזוי מע רוישט, צוגעדריקט זיך איינער צום אנדערן און פארגעסן. אפילע די לערכע האט ניט געהערט זייער שטים.

— ס'א מאָדנע סטויפּיקל ! — האָט די לערכע געטראַכט. — אָבער גלײַך האָט זי דערזען, אַז דאָס סטויפּיקל איז גאָר ניט קיין סטויפּיקל, אַז דאָס סטויפּיקל זיצט אפ צוויי הינטערשטע פיסליעך, און די צוויי פאָדערשטע האָט עס פאַרלייגט אפן ווײַסן וועסטעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער א גרוי סאַמעטן רעקעלע, און קוקט אַזוי בערויגעז און גרויסווירדיק מיט צוויי בייזע אייגעלעך, אַז די לערכע האָט זיך פאַרלאָרן, א טאַנץ געטאָן מיט ביידע פיסלעך מיטאַמאָל, פאַר העפלעכקײַט אָנגעבויגן דאָס קעפּל און שוין געוואָלט זיך פאַר־ענטפערן. נאָר דאָס זיסעלע האָט א פײַף געטאָן פאַר שרעק און איז אין נאָרקעלע פאַרשוווּנדן.

— אך, עס פײַפט אויס מײַן זינגען, — האָט די לערכע א טראַכט געטאָן, — עס וויל אפילע ניט ריידן מיט מיר, — און זי האָט זיך געווענדעט צום נאָרקעלע :

— איר זײַט געוויס גערעכט, וואָס איר פײַפט אויס מײַן זינגען, נאָר איך האָב אײַך ניט געוואָלט שטערן, אפ מײַן וואָרט, איך בין פאַ־שעט א לערכע. עפשער האָט איר געהערט, איך מוז זינגען — אַנדערש קאָן איך ניט !

דאָס זיסעלע האָט אין לעבן ניט געטראַכט, אַז עמעצער קאָן זיך פאַר דעם אַנטשולדיקן, עס האָט דאָך געוווינט אונטער דער ערד. עס האָט גענאַנווּעט זאַנגען און פון דעם געלעבט. עס איז געווען א פאַכדן, עס האָט געפײַפט נאָר פאַר שרעק. און דאָ שטייט א באַשעפעניש אפ צוויי פיס, מיט פעדערן, מיט א הויכער שטים און בעט בא דעם, באַם זיסעלע, אַנטשולדיקונג. איז עס געוואָרן אַזוי פרייליעך און כוצפּעדיק, אַז עס איז פון נאָרקע אַרויסגעשפּרונגען, אויסגעצויגן זיך אפ [illegible]ינ־טערשטע פיסלעך, קעדיי העכער אויסזען, פאַרלייגט די פע[illegible]טע לאַפּקעס אפן ווײַסן וועסטל און זיך צעקוויטשעט אפן גאַנצן פע[illegible]ד :

— איר קאָנט ניט אַנדערש ? דאַרף מען קאָנען ! עפשער האָט איר ניט, ווער עס זאָל אײַך לערנען ? בעט מיך ! — און עס האָט זיך אַזוי אָנגעבלאָזן און געגלאַנצט מיט זײַן ווײַסן וועסטל, גלײַך טאַקע א גרוי־סער באַלעבאָס פון גאַנצן פעלד.

— א דאַנק, — האָט שטיל געזאָגט די לערכע, — איך האָב זייער ליב זיך לערנען. איך לערן זיך זייער גערן בא יעדערן. וואָס וועט איר מיך לערנען ?

— פײַפן !

— אונ נאָכ וואָס? פײַפנ איז דאָכ גאָר א פאַרגעניגנ. מיסטאָמע, ווי זינגענ אשטייגער. איכ זינג נאָר פאַר פאַרגעניגנ! איז וואָס וועט איר מיכ נאָכ לערנענ? זײַט מויכל, וואָס איכ בינ אײַכ מאטריעכ, — אונ די לערכע האָט א טאנצ געטאָנ מיט בײדע פיסלעכ צוזאמענ.

— פײַפנ, — האָט שרעקלעכ אופגערעגט איבערגעכאזערט דאָס זיסעלע, — איכ פײַפ אונ, ווי איר זעט, איז דאָס גאנצ גענוג. מײַנ קע־לערל איז פול מיט ווייצ אונ קאָרנ נאָכ פונ פאראיאָרנ אָנ, אונ ווי נאָר מײַנ ווײַב אונ קינדערלעכ וועלנ זיכ אופכאפנ, וועל איכ זיכ נעמענ צומ יונגנ ווייצ, ניט ווײַל עס פעלט מיר, נאָר גלאט אזוי, זאָל זײַנ איבעריקס.

דער ווינט, אָט דער זעלבער, וואָס האָט גערע[illegible]מיט דער פעלד־גאנדז, איז צו דער נאָרקע צוגעלאָפנ אונ א שעפטשע[illegible]זאָג א סאָד:

— די גאנדז איז נאָענט! — דאָס זיסעלע האָט ווידער א [illegible] געטאָנ אונ איז ניט געוואָרנ.

אונ אָט דעמ פײַפ האָט דער ווינט גלײַכ דער פעלד־גאנדז אָפגעטראָגנ.

די פעלד־גאנדז האָט זיכ געלאָזט צו די זאנגענ:

— הא! דאָס זיסעלע איז דאָ? הא? הא? געוועזנ? — האָט זיכ נאָכגעפרעגט די פעלד־גאנדז, אונ אלע פעדערנ האָבנ זיכ איר אופגעשטעלט, אונ זי האָט באַקומענ אנ אויסזענ פונ א גרויסנ לופטבאלאָנ.

— איז עס דאָס זיסעלע געווענ? — האָט די לערכע פארוווּנדערט א פרעג געטאָנ.

— דאָס זיסעלע, דאָס זיסעלע, — האָבנ אָנגעהויבנ ראשנ די זאנגענ הויכ אונ בייז.

אונ אײנ זאנג האָט זיכ צעווײנט אונ אזוי זיכ צוגעבויגנ צו דער ערד, אז זי וואָלט זיכ געוויס איבערגעבראָכנ אפצווייענ, ווענ די ארומיקע זאנגענ האלטנ זי ניט אונטער.

— אכ, פעלד־גאנדז, איר זײַט דאָכ אלײנ א מוטער, וועט איר מיכ פארשטײנ, — האָט געקלאָגט די זאנג, — צענ זינ האָב איכ געהאַט, אלע זײַדענע, שטילינקע, גרינינקע. איז געקומענ דאָס זיסעלע מיט זײַנ פרוי אונ האָבנ אלע צענ זינעלעכ־זאנגעלעכ אופגעפרעסנ. אונ וואָס ניט דערפרעסנ — אינ די זעק ארײַנגעשפאַרט, אונ איכ האָב דאָס געמוזט צוקוקנ אונ ניט געקאָנט העלפנ.

— כ'ווייס, כ'ווייס, — האָט געענטפערט די גאנדז, — די זעק טראָגנ זיי שטענדיק אפ די באקנ. אב, איכ קאָנ גאָר רויִק וועגנ דעמ ניט ריידנ. איכ בינ זייער נערוועז. אנטשולדיקט מיר, איכ וועל זיכ א ביסל דורכלויפנ, קעדיי צו באַרויִקנ זיכ, — האָט געזאָגט די גאנדז אונ האָט זיכ געלאָזט לויפנ איבערנ פעלד.

— איינ מינוטקעלע, פעלד־גאנדז, כ'ווייס עפּעס, — האָט זיכ פריילעכ צעזונגענ די לערכע אונ זיכ געלאָזט נאָכ דער גאנדז. די גאנדז איז געלאָפנ מיט־אירע לאנגע פיס, אונ די לערכע איז איר נאָכגע־פלויגנ.

ווי נאָר די פעלד־גאנדז אונ די לערכע זיינענ אוועק, איז דאָס זי־סעלע באלד ווידער פונ נאָרקע ארויסגעקראָכנ אונ די ציינדלעכ צו די זאנגענ אויסגעשטשירעט:

— א־א, קלאָגנ זיכ! — האָט עס געקוויטשעט, — וואַרט אויס, איכ וועל אייכ באַוויזנ, ווי צו קלאָגנ זיכ! באלד רופ איכ ארויס מיינ פרוי מיט אלע אכט קינדערלעכ מיינע, אונ מיר וועלנ אלע אייערע קעפּ אָפּהריזענ.

— אונ אָט וועט איר ניט אָפּהריזענ, אונ אָט וועט איר ניט אָפּהרי־זענ! — האָט זיכ דערהערט דער לערכעס קעלעכל. זי האָט זיכ גע־דרייט אונ זיכ געקוליעט ניט ווייט פונ די זאנגענ, אונ געזונגענ אזוי פריילעכ, אז די זאנגענ האָבנ קיינ קאָפּ מוירע ניט געהאַט. אז דאָס זי־סעלע האָט דערזענ, אז די זאנגענ האָבנ קיינ מוירע ניט, האָט עס זיכ שוידערלעכ דערשראָקנ אונ איז גיכ צוגעלאָפנ צו דער נאָרקע, וווּ עס האָבנ געוווינט דעמ זיסעלעס פרוי מיט די קינדער. דעמ זיסעלעס פרוי איז גלייכ ארויסגעלאָפנ אונ אָנגעהויבנ ריידנ אזוי גיכ, אז דאָס זיסעלע האָט אפילע קיינ וואָרט ניט געקאָנט אריינשטעלנ וועגנ דער לערכע אונ די זאנגענ.

— וואָס האָסטו פארגרייט, זיסעלע, מאנ מיינער, ווייץ צי קאָרנ? איכ וויל נאָר ווייץ. נאָר ווייץ, — האָט געקוויטשעט דעמ זיסעלעס פרוי, אונ זי האָט אימ צארט צעקושט די בעקלעכ, אקוראט דאָרט, וווּ עס זיינענ געוועזנ צוגענייט די זעק אפ באהאלטנ קאָרנ אונ ווייץ.

— אונ אָט וועט איר ניט פארגרייטנ, אונ אָט וועט איר ניט פאר־גרייטנ! — האָט די לערכע געטאנצט.

— ווער וועט אונדז ניט לאָזן? עפּשער דו? — האָט דעם זיסעלעס פרוי א פרעג געטאָן מיט פאַראַכטונג.

— ניין, ניט איך, — האָט געענטפערט די לערכע, — איך ווייס שוין ווער, נאָר איך וועל ניט זאָגן, און וואָס די פעלד־גאַנדז וועט אייַך אופּרעסן, וועל איך אייַך ניט אויסזאָגן. און וואָס די מענטשן וועלן אייַך מיט הייסער וואַסער באַגיסן און מיט גלאָז פאַרשיטן, וועל איך אייַך ניט אויסזאָגן, כאָטש איך ווייס עס זייער גוט.

פאַר גרויס פרייד האָט זיך די לערכע געדרייט אינדערלופטן און ניט באַמערקט, ווי זי זאָגט אַלץ אויס.

— פאַרוואָס, פאַרוואָס טשעפּעט מען זיך צו אונדז? — האָט זיך דעם זיסעלעס פרוי צעקוויטשעט, שוין ניט אַזוי גאַדלדיק ווי פריִער, — דערפאַר וואָס מיר אַרבעטן ניט, דערפאַר, וואָס מיר זייען ניט, און דערפאַר, וואָס מיר קומען אַף גאָלע גרייטן און מיט פאַרטיקע זעק? נו, און אַז מיר אַרבעטן ניט, דאַרפן מיר ניט עסן? און טאָמער זיינען מיר אַזוינע אידעלע, אַז מיר קאָנען עסן נאָר גרייטס? זעסט, וואָס פאַר א וועסטעלע מיר טראָגן, ס'אַרא טולופּלעך מיר האָבן, פאַר עפּעס קומט אונדז דאָס, מיסטאַמע, — האָט זיך דעם זיסעלעס פרוי געקאָכט.

און אַז דעם זיסעלעס פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט דאָס זיסעלע פּלוצעם א פּאַטש געטאָן מיט די לאַפּקעס און איז אַף דער לערכע אָנגעפאַלן.

— און דו, דו, וואָס טוסטו אַזוינס? פאַרוואָס באַגיסט מען דיך ניט מיט הייסע וואַסער? און טאָמער פליסטו ניט אַוועק ווינטער, גיט מען דיר אפילו קערנער. זאָג, אַז ניין, עפּשער? אונדז האָט דער ווינט אַלץ דערציילט.

די לערכע איז גלייַך אַנשוויגן געוואָרן. דאָס זיסעלע האָט געזאָגט אַן עמעס. דעם פאַבריקן ווינטער האָט די לערכע א פליגעלע צעבראָכן, און קינדער האָבן זי אין שטוב אַריינגענומען, געהאָדעוועט, געהיילט און אין פרילינג אַף דער פרייַ געלאָזט. די לערכע האָט טאַקע ניט געוווּסט, פאַרוואָס איר קומט דאָס. און דאָס אָנצוהערעניש פון דעם זיסעלע האָט איר געטראָפן גלייַך אין האַרצן אַריין.

— יאָ, איר זייט גערעכט, — האָט די לערכע פאַרשעמט אָנערקענט. — כ'ווייס טאַקע ניט, פאַרוואָס עס קומט מיר אַזאַ גליק!

— ווייסט ניט פֿארוואָס? ביסט באשיידנ אָנ א מאָס! וויפֿל ווערעמ אונ פֿליגנ האָסטו פֿארניכטעט! וויפֿל מוקנ געפּאטערט! — האָט זיכ דערהערט א שטילע, נאָר שארפֿע שטימ. דאָס איז געווענ די פֿעלד־גאנדז, וועלכע איז אלעמאָל געקומענ צו דער צײַט, כאָטש קיינער האָט זי קיינמאָל ניט גערופֿנ.

— אָבער די פֿליגנ אונ די ווערעמ זײַנענ דאָכ אזוינע געשמאקע, קומט דענ פֿאר דעמ געצאָלטס? — האָט די לערכע פֿארשעמט אונ מיט וווּנדער געענטפֿערט.

— וואָדענ, פֿאר דעמ, וואָס מע טראָגט זעק אפֿ די באָקנ, צאָלט מענ? — האָט זיכ אופֿגערעגט די פֿעלד־גאנדז. זי האָט צעבלאָזנ אירע פֿעדערנ אונ איז געוואָרנ גרויס ווי א לופֿט־באלאָנ.

— הערט זיכ אײַנ, — איז דעמ זיסעלעס פֿרוי מיט איר שפּראָכ ארויס, — הערט זיכ אײַנ. איר מיינט, אז איר זײַט א פֿעלד־גאנדז, אז איר האָט אסאכ פֿעדערנ, קאָנ מענ שוינ דאָ אָנ אײַכ זיכ ניט באגיינ אונ איר דארפֿט זיכ אומעטומ ארײַנמישנ? — זי האָט זיכ אזוי אופֿגערעגט, דעמ זיסעלעס פֿרוי, אז זי האָט פֿארגעסנ אפֿילע זיכ צו באהאלטנ.

נאָר די פֿעלד־גאנדז האָט אפֿ די ווערטער פֿונעמ זיסעלעס פֿרוי קיינ אכט ניט געלייגט. זי האָט איר בלויז דערמאָנט:

— רעגט מיכ ניט אופֿ, — האָט זי געזאָגט, — ווײַל איכ בינ זייער נערוועז, אונ טאָמער וועט איר מיכ נערווירנ, וועל איכ טונ, ווי מײַנ טאטע האָט מיט אײַער טאטנ געטאָנ. איכ וועל אײַכ א טשמעליע טונ איבערנ קעפּל אזוי, אז פֿונ אײַכ וועט בלײַבנ נאָר איינ עקל.

אונ אזויווי די פֿעלד־גאנדז איז טאקע געווענ נערוועז, האָט זי געזאָגט אונ געטאָנ: א טשמעליע געטאָנ איבערנ קעפּל דעמ זיסעלעס פֿרוי אונ זי אופֿגענעסנ מיטנ פֿעלעכל, בלויז דאָס עקל איז געבליבנ אפֿ דער ערד.

— ליאפּ! פֿארטיק! — האָט געזאָגט צו זיכ דאָס זיסעלע אונ פֿונ שרעק אזא פּײַפּ געטאָנ, אז די פֿעלד־גאנדז האָט א ציטער געטאָנ מיט אלע פֿעדערנ אונ אויסגעשריגנ ניט מיט איר קאָל: — א, וועסט מיכ נאָכ אויספּײַפֿנ הינטער דער פּלייצע, מיכ, אזא נערוועזע באשעפֿעניש, נעבעכ! — זי האָט א טשמעליע געטאָנ דאָס זיסעלע איבערנ קעפּל

און איז אנטלאָפן אין צווייטן עק פעלד, ווי אלעמאָל, ווען זי האָט זיך געוואָלט באַרויקן.

פאַרנאַכט זײַנען געקומען יינגלעך. זיי האָבן דערזען צוויי עקלעך פון די זיסעלעך און גלײַך פאַרשטאַנען:

— נו, די פעלד־גאַנדז איז דאָ געווען, — האָבן זיי געזאָגט און אויף יעדן פאַל פאַרשאָטן מיט גלאָז די נאָרקע, וווּ עס זײַנען געלעגן אַכט יונגינקע זיסעלעך און אויף די באַקן איינער דעם צווייטן צוגענייט נײַן זעק, קעדיי צו גאַנווענען יונגן קאָרן.

אינהאלט

מײַן פּאָד 3
יאָנטעוו 7
קידאָוו 10
האנט צו האנט 12
אלע זײַנען מיר מעקאנע 14
זשוואנטע 16
שטערן 19
די זון פארגייט 22
ערעוו א רעגן 24
א פרילינג־רעגן 26
א רעגן 28
אפן טײַך 30
א שטילע שפּיל 32
מאריאנע העלפט דער מאמען 35
די מאמע 39
דאָס ענטל 43
דער בער 45
די קאץ האָט מוירע פאר א פראָסט 49
בערויגעז 51
פינגערלעך 54
פרימאָרגן 56
אינדערפרי 58
מײַ־מאריאנע 60
מיר איז אלצײַנס 62
איך וועל וואקסן 64
א קראָקאָדיל 66
א פערדעלע 68
פייגל פליִען 70
דער צוג 74
א מײַסע מיט א קאטשקעלע 76
א מײַסעלע וועגן א פעלד־גאנדז, א לערכע און א זיסעלע . 89